A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulat
All Ov
CANAD
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

טעליפאן
אונאפהענגיג
נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען

VOLUME VII No 2857 Toronto, Tuesday December 14 1920

ג. טבת פרשה ויגש תרפא. טאראנטא, דינסטאג דער 14-טער דעצעמבער, 1920.

PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

סענעדער דעלעגאט צו דער נאציא-נען ליגע ווארענט געגען גאראנטירען מינאריטעט רעכטע

זאגט אז דאס וועט ניט דערלאזען די פאראייניגטע שטאאטען אריינ-טרעטען אין דער ליגע. — רעקאמענדאציעס אויך צו ענטוואפנען די לענדער. — פוילען קאנטראלירט דאנציג.

זשענעווא, דעצעמבער, 13.

אין א רעדע וואס נ. וו. ראועל, איי-נער פון דער קענעדער דעלעגאציע צום נאציאנען ליגע קאנפערענץ, האט געהאל-טען ביי א קאמיטע מיטינג פון דער פאר-זאמלונג, האט געווארענט די נאציאנען ליגע קיינמאל ניט אנצונעהמען א באַ-שלוס צו גאראנטירען ראסען און מינארי-טעט רעכטע פאר די נאציאנאלע מינדער-הייטען וואו געפינען זיך אין די פארשי-עדענע לענדער פון מזרח אייראפא. דאס וועט שאפען אזא לאגע, האט ראועל גע-זאגט וואס וועט אויף איביג פארשטעלען דעם וועג פון די פאראייניגטע שטאא-טען אריינצוטרעטען, אלס מיטגליעד אין דער ליגע.

אין די פיעלע פראגען וואס מר. ראועל האט זיך באטייליגט ביז איצט וועט ער אין באטראכט יעדע זאך בלויז פון דעם שטאנדפונקט: ,,אויף וויפיעל וועט דאס זיין צוגענגליך פאר די פאר-אייניגטע שטאאטען און אויף וויפיעל וועט דאס לייכטער מאכען דאס אריינ-ציהען די שטאאטען אלס מיטגליעד צו דער ליגע. זיין פארשלאג אפצושאפען ארטיקעל צעהן פון דער נאציאנען ליגע קאנסטיטוציע איז געווען מיט'ן אויס-שליסליכען צוועק צו פארלייכטערען פאר אמעריקא דאס ווערען א מיטגליעד אין דער ליגע.

אמעריקא איז א שמעלץ טאָפּ

באגרונדענדיג זיין שטאנדפונקט האט ראועל געזאגט דאס די פאראייניגטע שטאאטען איז א לאנד וואס האט אין זיך א סך פארשיעדענע נאציאנאליטע-טען. עס געפינען זיך דארטען ,,שטערע-דעס'' מיט איטאליענער, און פון מזרח אייראפעאישע לענדער. אלע וואס קומען אהין ווערען אסימילירט, פאנגען אן רעדען די זעלבע שפראך, נעהמען אי-בער די מנהגים און זיטען ביז זיי ווע-רען אמת'ע אמעריקאנער.

אויב די ליגע זאל גאראנטירען רא-סען און מינאריטעט רעכטע דאן וועט יעדער מיטגליעד פון דער ליגע זיין גע-צוואונגען ביי זיך אין דער היים דורכצו-פיהרען דעם באשלוס. אזא זאך וועט אמעריקא קיינמאל ניט טון, און פאלג-ליך וועט דאס צווינגען די שטאאטען צו פארבלייבען אויסער דער נאציאנען ליגע.

אין דער זעלבער לאגע איז קענעדע אויף א קלענערען מאסשטאב, אבער אקוראט אין דער זעלבען לאגע איז קענעדע, האט ראועל געזאגט. קע-נעדע וועט קיינמאל ניט געבען קיין רעכטע צו מינאריטעטען, און קענעדע איז דארום געגען, אז די ליגע זאל אננעהמען אזא באשלוס.

וויל ניט קיין האלבע בירגער

אין זיין ארגומענטאציע פאר די אינטערעסען פון די שטאאטען האט ראועל אויך גאנץ ברייטליך און מיט שטארקע ארגומענטען ארומגערעדט די פראגע פון האלבע בירגער. דאס הייסט אזעלכע וואס זענען געווארען נאטוראליזירט אין די שטאאטען אבער דאך פארבלייבען זיי נאך צוגעבונדען צו זייער געבורטס לאנד.

דריי גראדען פון ענטוואפנונג

די קאמיסיע וואס האנדעלט וועגען דער פראגע פון ענטוואפנונג, האט אויסגעארבייט א רעפארט וואס לויטעט אז די ענטוואפנונג זאל געמאכט ווערען אין דריי שטופען, צום ערשטען זאל באַ-שלאסען ווערען אז די רעגירונגען זאלען מעהר ניט צוקויפען קיין נייע וואפען. די צווייטע שטופע זאל זיין, עס זאל ביס-לאכווייז אנפאנגען דאס פארקלענערען די וואפען.

די דריטע שטופע זאל זיין, עס זא-לען פאלשטענדיג אפגעשאפט ווערען די מלחמה כלי זין.

יאפאן זאגט מען זאל ענטוואפנען די מוחות

דער יאפאנעזישער פארשטעהער האט געזאגט אז אזוי לאנג ווי די שטאאטען פארגרעסערען איהרע קאמפס מיטלען וועט יאפאן ניט פארקלענערען איהרע מיטלען, וואס מען דארף אבער יא, האט ער געזאגט, איז אנפיהרען א גרויסע פראפאגאנדע צו ענטוואפנען די מוחות מען דארף ערציהען דעם נייעם דור, אין דעם גייסט פון דער נייער צייט און אויפווייזען אז מען דארף ניט פיהרען קיין מלחמות.

פוילען קומט די ממשלה איבער דאנציג

דער ראט פון נאציאנען ליגע האט טעטטען אויך אנאנסירט דאס עס ווייזט אוים אז פוילען איז בעסטען צוגעפאסט צו האבען די מיליטערישע ממשלה איבער דאנציג. טראצדעם וואס דארטען געפי-נען זיך א מאיאריטעט דייטשען.

ווראנגעלס פלאט האט שוין פארלא-זען רוסלאנד

קאנסטאנטינאפאל, דעצעמבער, 13.

דער פלאט פון גענעראל ווראנגעל, דעם פיהרער פון די אנטי - באלשעווי-סטישע סאלדאטען אין קרים האט היינט פארלאזען קאנסטאנטינאפאל און איז אפ-געפאהרען נאך ביזערטא, טוניס. דער פלאט האט זיך דארטען געפונען פון זינט דער גאנצער צייט וואס די באלשעוויקעס האבען פארטריבען די סאלדאטען פון גע-נעראל ווראנגעל.

די פלאטע באשטעהט פון צוויי קרייצערס, פיער סובמארינען, זיבען צע-שטערער שיפען און נאך צוועלף אנדערע קריעגס שיפען.

גענעראל ווראנגעל אליין איז פאר-בליבען אויף דעם קרייצער ,,קארנילאוו''

איין שיף געזונקען מיט די מאטראזען

עס ווערט דא באשטעטיגט, אז דער רעפארט דאס איינע פון די רוסישע צי-שטערער שיפען ,,ליוואי'' איז געזונקען גע-ווארען און די מאטראזען זענען אויסגע-טרונקען געווארען, איז אן אמת.

רוסלאנד זוכט אנצופאנגען א האנדעל מיט אמעריקא

בערלין, דעצעמבער, 13.

פראפעסאר ג. לאמאנאסאף, דער פארשטעהער פון דער סאוויעטען רעגיע-רונג וועלכער געפינט זיך דא אלס א ספעציעלער פארשטעהער פון רוסלאנד, מיט דער זעלבער מאכט פון א מיניסטער, אין וועלכער פילט פארהאנדלונגען וועגען קויפען לאקאמאטיוען פאר רוסלאנד, האט דא ערקלערט אז וואשינגטאן וואנ-דערליפ, דער פארשטעהער פון דעם אמע-ריקאנער סינדיקאט, צו קויפען סחורות אין רוסלאנד, האט פארזיכערט אז אזוי שנעל ווי די נייע אדמיניסטראציע וועט אריין אין קראפט וועט אמעריקא אפשלי-סען א קאמערציעלען טראקטאט מיט רוסלאנד.

פראפעסאר לאמאנאסאף האט אויך געזאגט, דאס רוסלאנד איז שטארק ניי-געריג אפצושליסען א האנדעלס אפמאך מיט רוסלאנד.

פראפעסאר לאמאנאסאף וועלכער איז געווען איינער פון'ם קאיזערליכען ראט אונטער דעם צארישען רעזשים און האט דערנאך געהאלטען א וויכטיגען מי-ניסטער אמט אונטער קערענסקי'ן, האט געזאגט, אז עס איז ניטא די מאכט אין דער וועלט וואס זאל קאנען אומברענגען רוסלאנד. אמת די באלאדע האט גע-טויטעט מענשען, אבער רוסלאנד איז רייך גענוג אין נאטירליכע אוצרות צו קאנען אין גיכען אויפלעבען.

* * *

צוביסלאך רעגען

אויף היינט זאגט דער וועטער נביא וועט זיין צוביסלאך רעגען.

מזרחי קאנפערענץ שליסט זיך אננעהמענדיג פיעלע באשלוסען

פארפליכטען זיך צו געבען פופציג טויזענט דאלאר פאר'ן קרן ארץ ישראל. — הויפט אפיס וועט זיין אין מאנטרעאל. — נעהמען אן א רייהע רעזאלוציעס וועגען ערציהונג. — הרב זלאטניק ערוועהלט אלס מנהל. — רבנים האלטען זעהר געלונגענע שלום רעדען.

דער צווייטער און לעצטער טאג פונ'ם מזרחי קאנפערענץ, וועלכער האט זיך נעכטען שפעט אין אטאווא פארענדיגט האט אנגעצייכענט א רייהע פון ארביי-טען, וואס די דעלעגאטען האבען אויף זיך גענומען דורכצופיהרען אלס א באַ-זונדערע מזרחי קערפערשאפט צווישען די קאנאדער אידען.

די דעלעגאטען וועלכע האבען זונ-טאג באגייסטערט אויפגענומען דעם פלאן פון א באזונדערער מזרחי פעדעראציע אין קאנאדע, האבען אין פארלויף פון נעכטיגען טאג אונערמידליך געארבייט צו פארענדיגען דאס אונטערנעמען און אויסצוארבייטען א רייהע רעזאלוציעס וועלכע זאלען דינען דעם ועד המזרחי ווי אזוי די ארבייט צו פארפלאנצען.

דער ועד תועדים באשטעהענד פון ניין דעלעגאטען, האט אריינגעגעבען זיין באריכט פון פאלגענדע קאמיטעען, וועלכע זענען פון זי צוזאמענגעשטעלט געווארען.

נאמינאציאנס קאמיטע: ס. ברעסלין, י. בזכאניק, ס. באזין, טאראנטא. ה. בערלין, א. גודמאן, ס. גודמאן, מאנטרעאל רבי לעווין האמילטאן.

ארץ ישראל קאמיטע

קיוענקא, סטערין, טענענבוים, מאנטרעאל.

מ. געלבער, מ. אויבלבוים, מ. ברוידא יוסף רופער, ב. נאטאנזאהן, ל. ראט-שטיין, טאראנטא.

רבי לעווין, האמילטאן.

רבי בערגער, אטאווא.

ב. לאסטער, לאנדאן.

בודזשעט קאמיטע

א. גודמאן, ראזאוויטש, מאנטרעאל. שטיינווארצעל, גארפינקעל, י. לער-ווינסקי, טאראנטא.

מר. פאלאק, האמילטאן.

דרעזדין, אטאווא.

רעזאלוציאנס קאמיטע

קיוענקא, גוטמאן, מאנטרעאל.

נחמיה כ"ץ, א. בירענבוים, טאראנטא

הירשמאן, האמילטאן.

רודמאן, אטאווא.

א. גאלדמאן, וויניפעג.

ב. לאסטער, לאנדאן

ועד החנוך

רבנים גארדאן, גרייבארט, ליוואי, וויגריב, און שידלאווסקי, טאראנטא.

הרב יודיל ראזענבערג, ראזאוויטש, מאנטרעאל.

רבי לעווין, האמילטאן.

רבי בערגער, אטאווא.

הרב זלאטניק.

די דעבאטען וועגען שטייער פאר דעם מזרחי, האבען פארנומען כמעט די פריהמארגענדיגע זיצונג, און זיך ערשט פארענדיגט ביי דער לעצטער זיצונג וועל-כע האט אנגענומען א באשלוס דאס דער מזרחי שטייער זאל באשטעהן פון דריי דאלאר א יאהר. צוויי דאלאר פאר דער לשכה, און דאס איבעריגע פאר לאקאלע אויסגאבען.

דאן זענען אריינגעבראכט געווארען די רעזאלוציעס, וועלכע די קאנפערענץ האט שפעטער אנגענומען, און וועלכע זענען דער הויפט צוועק פאר'ן קאנאדער מזרחי.

ועד החנוך רעזאלוציע

די רעזאלוציעס פונ'ם ועד החנוך זענען איינשטימיג אנגענומען געווארען, און לויטען: —

דאס אין יעדער קאנאדער שטאדט, אין יעדען קבוץ, זאלען געגרינדעט ווע-רען בתי - תורה לויט'ן מזרחי גייסט, וואו עס זאל געלערענט ווערען עברית - בעברית. עס זאל אויך געגרינדעט ווע-רען ,,פראקטישע סקולס'' אויב מעגליך, גני - ילדים און מזרחי חדרים.

די פליכט פון יעדען מזרחי מיט-גליעד איז ניט נאר אויפצופאסען אויף זיינע אייגענע קינדער, נאר אויך זיין פאראנטווארטליך, אז יעדעס אידישעס קינד זאל באקומען א אידישע ערציהונג, אויב א מזרחי מיטגליעד וועט וויסען פון זיינעם א שכן וואס ערציהט זיינע קינדער ניט אין אידישען גייסט, זאל ער באריכטען צו דער אגודה.

די קאנאדער מזרחים פארפליכטען זיך אויך צו שטיצען אלע בתי תורות אין ירושלים, דעם בית המדרש למורים ווי אויך דעם בית המדרש הגדול פון ירושלים.

צו גרינדען אגודות פון צעירי און צעירות ציון, וועלכע זאלען באַלאנט ווערען מיט'ן מזרחי גייסט, וואו עס זאל געלערענט ווערען אלעס וואס האט א שייכות מיט אידען, ווי עס פארשטעהען די מזרחי לעהרער.

ארץ ישראל רעזאלוציע

די קאנאדער מזרחים פאדערען אויף אלע זייערע מיטגליעדער צו שטיצען פרי-וואטע אונטערנעהמונגען אין ארץ ישראל. די מזרחי מיטגליעדער ווערען אויפגעפאדערט צו קויפען שערס פאר שפרויט דורך דער עקזיסטירענדער נחלאל אינסטיטוציע, און אנערקענען אז ארץ ישראל קען בלויז געבויט ווערען דורך פריוואטען קאפיטאל.

ועד הסתדרות

דער ועד מרכזי פון דער מזרחי זאל זיין אין מאנטרעאל און זאל באשטעהן פון 7 מזרחים. דער ועד הראשי זאל באשטעהן פון 23 און זיך פארזאמלען צוויימאל אין יאהר.

די בודזשעט קאמיטע האט אין איהר בודזשעט אריינגעשטעלט די סומע פון צעהן טויזענט דאלאר פאר'ן ועד המרכזי, און פופציג טויזענט דאלאר פאר'ן קרן ארץ ישראל.

דער באריכט איז אויפגענומען גע-ווארען מיט א שטורם פון באגייסטערונג.

א רייהע פון אנדערע רעזאלוציעס זענען אנגענומען געווארען צווישען וועלכע עס איז אויך פארהאן א פונקט, וועלכער ערלויבט צו ארבייטען געמיינ-שאפטליך מיט די ציוניסטען אין געוויסע ארבייטען, אויף ווי ווייט עס וועט ניט שעדיגען די מזרחי אינטערעסען. און די נאמינאציאנס קאמיטע האט דאן אריינ-געבראכט פאלגענדע נעמען אלס די קו-מענדע מזרחי פארשטעהער.

דער מזרחי ווערט צוזאמענגעשטעלט פון א פארזיצענדען, 4 וויצע פארזיצענ-דערס, 1 טרעזשורער, און א סעקרעטאר.

די ערוועהלטע זענען:

הרב זלאטניק, מנהל.

קיוענקא און ר. עפשטיין, וויצע-פארז. פון מאנטרעאל.

יוסף באבעניק, וויצע פארז. פון טא-ראנטא.

חיים ל. ווייזמאן, וויצע פארז. פון וויניפעג.

יצחק גודמאן, טרעזשורער, מאנט-רעאל.

מר. יגיד, עהרען סעקרעטאר, מאנ-טרעאל.

אין דעם ועד הראשים זענען ער-וועהלט געווארען:

ל. לעווינסקי, קלמן שיף, רעיז, ש. הערמאן, געלבער, מר. באזין און אברהם משה שיפער, טאראנטא

רבי לעווין און יעקב גאלדבלאט האמילטאן

ס. גאלדמאן, מ. טעסלער, און יעקב שמעלניצקי, וויניפעג.

מ. סטערלין, מ. ראזאוויטש, י. ריטשוער, ד. טענענבוים, ד. בערלין, ס. גוטמאן, ס. סאלאמאן, ב. שטיינהויז, ס. רוטשלער, ש. האלפערן, מאנטרעאל.

ב. לאסטער, לאנדאן.

מר. טדיזען, קוויבעק.

מר. שטערנליב, אטאווא.

(פארזעצונג אויף פייז 2)

פייערען ברענגען נאך אין קארק

קארק, דעצעמבער, 13.

אין די פייערען וואס האבען זיך פארשפרייט זינט נעכטען זענען שוין פארניכטעט געווארען איבער דריי הונ-דערט הייזער. טראץ אלע אנשטרענ-גונגען פון די פייערלייט האלטען די פלא-מען נאך אן.

די גרעסטע שוועריגקייט באשטעהט איצט אין דעם צוריקצוהאלטען די גרוי-סע מאסען מענשען פון צוגעהען צו נא-הענט צו די חורבות. די ווענט האלטען אין איינפאלען און עס איז גרויסע סכנה מענשען זאלען געהרגעט ווערען.

ראוטי'ס פארהער וויעדער אפגעליגט

דושאהן ראוטי, דער געפאנגענער סעקרעטאר פון דעם פארשוואונדענעם מיליאנער טהעאטער מענעדזשער א. סמאל איז נעכטען פארגעבראכט געווארען פאר קווינעל דעניסאן, אבער דער פארהער איז וויעדער אפגעליגט געווארען, און ער איז פארהאלטען געווארען אהן בייל.

דיפלאמאטישער ברוך צווישען האלאנד און סערביען

האאג, דעצעמבער, 13.

צוליעב סכסוכים וואס זענען אנגע-גאנגען זינט א לאנגער צייט האט האלאנד צוריק גערופען איהר מיניסטער פון בעלגראד און אהיים געשיקט דעם סערבי-שען מיניסטער.

שווייצארישע סאציאליסטישע פארטיי צושפאלטען אויף לינקע און רעכטע

בערן, דעצעמבער, 13.

ביים קאנגרעס פון דער שווייצארי-שער סאציאליסטישער פארטיי וואס ווערט דא אפגעהאלטען איז פארגעקומען א שפאלטונג. די פארטיי האט זיך פאר-נאנדערגעטיילט אויף צוויי פליגלען, לינקע און רעכטע.

די שפאלטונג איז פארגעקומען ביי אן אפשטימונג וואס איז געמאכט גע-ווארען וועגען יא אדער ניט אנשליסען זיך אן דעם מאסקווער דריטען אינטער-נאציאנאל. די שטימען זענען געווען 213 פאר אנשליסען זיך און 350 דאגעגען. נאך דער אפשטימונג האט די לינקע פראקציע פארלאזען דעם קאנגרעס, ער-קלעהרענדיג דאס זיי וועלען זיך מעהר ניט באטייליגען אין דער ארבייט פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

אימיגראציע בעאמטע שיקען צוריק אלעמען וואס קומען ניט נאך דאס געזעץ

אטאווא, דעצעמבער, 13.

אין זעהר א שווערער לאגע געפינען זיך איצט די אימיגראציע בעאמטע ווע-מען עס קומט אויס צוריקצושיקען א סך אימיגראנטען פון קענעדער האפענס, צו-ליעב דעם וואס די וואנדערער קומען ניט נאך דאס געזעץ. אלע אהן אן אויסנאה-מע פון ראסע און לאגע, ווערען צוריק-געשיקט.

אידען בעטען צו גאראנטירען אבער עס העלפט ניט

די אימיגראציע בעאמטע ווייזען אן אז די הויפט אורזאכע פארוואס אימי-גראנטען ווערען צוריקגעשיקט איז דאס, וואס זיי האבען ניט גענוג געלט ווי דאס געזעץ פאדערט. פאר די אידישע אימי-גראנטען וואס דארפען צוריקגעשיקט ווע-רען ווערט געמאכט בקשות. און די אי-דען זענען צופרידען איינצולעגען קאוי-ציע אויף א סך געלט אז זייערע קרובים וועלען ניט פאלען קיינעם צו לאסט. אין דעם אפיעל ווערט געבעטען ניט צוריק-צושיקען אידען אין יענע גיהנום לענדער פון וואנעט זיי זענען אנטלאפען, אבער, עס העלפט קיין שום טענה. דאס געזעץ מוז דורכגעפיהרט ווערען.

שוידערליכע איינצעלהייטען וועגען ד פאגראמען פון גענעראל באלאכ-וויטש'עס סאלדאטען

(ספעציעלע קייבעל צום ,,אידישען זשורנאל'')

ווארשא, דעצעמבער, 13 (א. ק. ב.) — עס קומען אהער אן שוידערליכע איינצעלהייטען וועגען די פאגראמען פון גענעראל באלאכאוויטש'עס סאלדא עס ווערט געמאלדען דאס אין א דארף לוביאן נעבען פינסק זענען געטויטעט געווא-רען 9 אידישע פאמיליעס. די קינדער און פרויען האט מען אריינגעווארפען אין גראבענס, סטראשענדיג זיי צו דערטרינקען אויב זיי וועלען ניט באצאהלען זעקס טויזענט רובעל. יעדע פאמיליע האט אוועקגעשיקט איין מענש צו ברענגען דאס אויסליזגעלט און ערשט נאכדעם ווען דאס געלט איז שוין געבראכט געווא-רען האט מען פארניכטעט אלעמען און אויסגעטון נאקעט און געשלאגען ביז צום טויט. אין דעם דארף פיגוויא האט מען אריינגעווארפען דעם איד אייזיק אייזען-בערג אין א ברונעם. אין דעם דארף מארפא האבען די מערדער געבאפט די פאמיליע רובענשטיין און האבען אויסגעמארדעט דעם פאטער, מוטער און א א מיידעל פון 18 יאהר האבען די מערדער געשענדעט און דערנאך זי געצוואונגען טאנצען פאר די מערדער. דערנאך האט מען זי אויך ערמארדעט. אין דעם דארף ביכאווא האט מען ערמארדעט שמערל יואל בראמבערג מיט זיין זוהן.

אלייאנץ הייסט קאנטראלירען אימיגראציע

פאריז, דעצעמבער, 13. (א. ק. ב.) — אין די אידישע פאליטישע קרייזען פון פאריז הערשט א גרויס אויפרעגונג קעגען דער ,,אלייאנץ'' פאר שיקען א באזונדער-רען מעמאראנדום צו דער נאציאנען ליגע. עס ווערט געזאגט דאס די אלייאנץ האט פארלאנגט אז די ליגע זאל קאנטראלירען די אימיגראציע, געברויכענדיג די זעלבע ארגומענטען ווי די ערגסטע אנטיסעמיטען. עס ווערט אויך געזאגט דאס די אלייאנץ האט געשיקט איהרע ,,בקשות'' נאכדעם ווי עס איז געהאלטען געווארען א געשפרעך מיט דעם פוילישען ,,אידישען'' פארשטעהער פראפעסאר אשכנזי.

עס הערען זיך קלאנגען פון שלום אין דער שניידער אינדוסטריע

(ספעציעל צום ,,אידישען זשורנאל'')

ניו יארק, דעצעמבער, 13, (א. ק. ב.) —

אין אידישע קרייזען האט דער קאמף אין דער נאדעל אינדוסטריע פאראור-זאכט א גרויסען שטורעם. ראבי קרעס רעדענדיג אין דער סענטראל סינאגאג, האט געמאכט א שטארקע אטאקע אויף די באסעס, ערקלערענדיג דאס ער איז צו פריעדען צו זיין דער פארמיטלער און ברענגען צו א שלום.

איינער פון די באלעבאטים, מר. וויליאם בענדלער דער פרעזידענט פון דער אס'ן האט ארויסגעגעבען אן ערקלע-רונג וועלענדיג גערעכטפערטיגען די מא-נופעקטשורערס, אבער די יוניאן האט גלייכצייטיג געענטפערט מיט אן ערקלערונג אז די מאנופעקטשורערס האבען ארויס-געצוואונגען דיעזען סטרייק מיט דעם וואס זיי האבען זיך ענטזאגט איינצוגעהן אויף א געמיינשאפטליכער קאמיטע צו אונטערזוכען די לאגע פון מארקעט אין ניו יארק.

בלויז טאראנטאר בירגער וועלען באַ-קומען שטיצע אויב אויסער ארבייט

היינט 9 א זייגער פריה וועט גע-עפענט ווערען דאס קראסבי האוז, וואס איז געווען א סאלוויישאן ארמי האטעל איבער דער צייט פון דער מלחמה, פאר דעם צוועק צו העלפען ארבייטסלאזע בירגער פון טאראנטא, וואס נויטיגען זיך אין שטיצע.

דאס הויז וועט געפיהרט ווערען אונטער דער אויפזיכט פון דר. הייסטינגס פון העלטה דעפארטמענט און מר. טשיסהאלם, פון פראפערטי דעפארט-מענט. עס וועלען אויך מיטהעלפען אלע שטאדטישע אינסטיטוציעס צוזאמען מיט דער סאלוויישאן ארמי.

די מעדיצינישע אפטיילונג האט ארויסגעגעבען א ווארנינג אז בלויז אנערקענטע טאראנטער בירגער מעגען קומען פארלאנגען שטיצע.

ווי אזוי די שטיצע וועט פארטיילט ווערען

עס איז אויך אויסגעארבייט געווא-רען א סיסטעמע ווי אזוי פארנאנדערצו-טיילען די שטיצע. דער אופן איז פאל-גענדער: אלע וואס ווענדען זיך נאך שטיצע וועלען זיך פארשרייבען אין דער ארבייטס ביורא. 54 קינג סטריט וועסט. כדי צו געבען זיי ארבייט אין פאל עס וועט זיין. אויב אבער עס וועט ניט זיין קיין ארבייט, וועט ארויסגעגעבען ווע-רען א קארטעל מיט וועלכען מען וועט קאנען באקומען שטיצע.

די שטיצע וועט אויך ניט באַ-שטעהען אין געבען מזומן געלט. עס וועט בלויז געגעבען ווערען צום עסען און עסענווארג ארטיקלען אהיים צו גרייטען פאר אזעלכע וואס האבען פאמיליעס. ניט-פארהייראטע וועלען קאנען באקומען צימערען צום שלאפען.

קעמפיין וועט זונטאג ערעפענט ווע-רען אין עלענס קאלעדזש טעאטער

היינט אווענט וועלען די לעצטע פארבארייטונגען פאר דעם געמאכט ווערען.

אין עלענס קאלעדזש סטריט טעאטער, קארנער קאלעדזש און דאווערקאורט ראוד וועט זונטאג אווענט ערעפענט ווערען דער אכט טאגיגער קעמפיין פאר דער אימיגראנטען און הילפס געזעל-שאפט.

דער אווענט וועלכער וועט טראגען דעם כאראקטער פון א גרויסען פאלקס-מיטינג צוזאמען מיט א קאנצערט וועט געבען דעם גאנצען טאן צום קעמפיין, וועלכער וועט זיך אנהויבען מאנטאג פריה און וועט פארגעזעצט ווערען די גאנצע קומענדע וואך.

אין דעם קאנצערט וועט זיך באַ-טייליגען א קראפט, וואס וועט זיין א איבערראשונג פאר פיעלע. און די רעד-נער ליסטע וועט האבען א רייהע באַ-קאנטע נאמען, וואס זענען געקומען אין דירעק-טער באריהרונג מיט דער ארבייט.

היינט אווענט וועט די עקזעקוטיוו קאמיטע אויף איהר פארזאמלונג ענדיגען אלע פארבארייטונגען פאר דעם קומענדען קעמפיין.

פיעלע ארגאניזאציעס האבען געלאזט וויסען וועגען די וועלכע זיי שיקען, און די פאררופען ווערען א פארזאמלונג פון וואלונטירען.

די חסידישע טאכטער

אן אריגינעלער ראמאן אוים דעם פוילישֿ - חסידיש - אידישען לעבען

ספעציעל געשריבען פאר'ן „אידישען זשורנאל"

פון י. ב—ם

(119-טע פארזעצונג)

הירשעל האט איהר אריינגענומען אין זיינע ארעמס. בארעקט איהרע ליפען מיט הייסע קושען, און זעהענדיג אז זי באגרייפט וואס ארום איהר טוט זיך, האט ער געפרעגט.

דו האסט שוין חרטה, אויף דעם וואס דו האסט געזאגט?

שיינדעלע האט פארמאכט די אויגען איהם ניט צו זעהן.

עס מאכט ניט שיינדעלע. האט הירשעל ביטער געשמייכעלט. איך וויל אז דו זאלסט וויסען אז איך בין אין א געפאהר. אין נאך א גרעסערע געפאהר ווי פריהער, ווען איך בין אין טורמע געזעסען, ווייל יעצט בין איך א פארברעכער. איך בין אנטלאפען פון דער טורמע. הונדערטע שפיאנען און גענדארמען זוכען מיך. און טאמער געלינגט זיי מיך צו כאפען, דאמאלס איז מיין לעבען גאר ניט ווערט. דו דארפסט ניט ציטערען שיינדעלע, ניט מורא האבען. איך בין בלויז געקומען דיך זעהן. נאך איינמאל צודריקען דיינע ריינע אונבעפלעקטע ליפען צו מיינע. און פיהלען דעם גן־עדן קוש וואס וועט מיר געבען כח און מוט מיינע צרות ווייטער צו טראגען.

נאך איינמאל דיך פעסט צודריקען צו מיין ברוסט. זיך אנשעפען מיט יענעם הייליגען קראפט, וועלכער האט פאר מיר געשיינט דריי יאהר דורכאנאנד, און וועלכער וועט פאר מיר שיינען אזוי לאנג ווי איך וועל צו דיר מיין האפנונג ניט פארלירען.

צו מיר, דו האסט יעצט א קאנט־ צו מיר. דו האסט האסט יעצט א ראט מיט א צווייטען, צו איהם גע־ הערסטו געזעצליך. מיט איהם מעגסט אלעס טון. ער איז דאך דיין חתן. ער וועט דאך זיין דיין מאן. דו וועסט איהם מיט דער צייט ליעב באקומען, און אפשר ליכט האסטו איהם שוין ליעב. ער וועט דיך באזארגען מיט א הויז, מיט קליידער, מיט מתנות. ער וועט זיין מיט דיר צוזאמען. צערטלען דיך, קושען דיך, ארויסצייגען דיר ליעבשאפט.

מיך אבער וועסטו באלד פארגעסען, ערינערונגען בלויז ווי שאטענס פון אבגעריקענטע בוימער, וועט ביי דיר בלייבען פון אונזער ליעבע, וועסט פיר ליכט פארגעסען, אז אמאל — אמאל אין די יונגע יאהרען, האט א הארץ געקלאפט מיט ליעבע צו דיר, איז א מענש שיער ווילד געווארען פון אייפערזוכט וועגען דיר, וויסענדיג אז דו ליגסט אין צווייטענס ארעמס, אז זיינע ליפען דיין קערפער ווערט באריהרט. בלויז דורך'ן געזעץ, בלויז מיט צוואנג, אדער מיט דיין ווילען, ניט וועלענדיג געהן געגען דעם באשלוס פון דיינע עלטערען.

שיינדעלע ווייס דאס אלעס און און טרענק. דער וועג מיט מיר, איז ניט מיט בלומען באצירט, געזונטערהייט וועסטו איהם ניט דורכשפאצירען.

אויב דו וועסט אונזער ליעבע וועלען נעהמען, דאמאלס מוזט גרייט זיין די דערנער צו באזייטיגען פונקט ווי איך. מיר זען דיינע ליעבע צארטע פוקע הענטלאך זיך צושטעכען ביז'ן בלוט.

א ליעבעס קרבן וועסטו מוזען ברענגען. מיר פאדערט דער ליעבעס גאט פון זיינע דינער, פון זיינע שקלאפען. מיר זיינען ביידע שקלאפען פון דער ליעבע.

דו וועסט דאך מיר ניט נארען שיינדעלע אז דו האסט מיך ניט ליעב. דיינע אויגען זאגען עס מיר. דיינע האנדדריקען דערצעהלען מיר עס, און זאגאר ווען דו זאלסט וועלען פארגעסען אין מיר, ווען דו זאלסט פון דעם ליעבעס בעכער מיט א צווייטען טרינקען און גליקליך זיין. וועלען טראפענס גיפט אזוי לאנג ריינען, וועלען בלוט אדערען אזוי לאנג פון מיין הארץ טריפען, ביז דו צוזאמען מיט דיין געליעבטען וועלען פארסמ'ט ווערען.

שיינדעלע איך וועל דיך ניט שעלטען. איך וויל קיין שטערונג צו דיין גליק ניט זיין, עס איז אבער א גרויסער ליעבען. ווען פארליעבטע מענשען היימען זייערע געליעבטע חתונה האבען מיט אנדערע. און זעלבסט זיין פון דער ווייטענס גליקליך.

דאס איז בלויז א קאפריז פון נאראנים. וועלכע ווילען זיך ארויסדרעהען פון פליכטען וועלכע ציטערען פאר'ן אייגענעם שאטען.

ליעבע איז דאס שכרות פון לעבען. דער זיסער טראפען פון מאמענט, און וואס איז צו די וועלכע זיינען פארליבט און פארלירען זיך אויף אייביג. מען זאגט אז ליעבע איז בלינד, און אט איז דאס גליק, בלינד פארליבט אין דער טייערסטער חלום, וואס דער מענשען קענען חלומ'ען.

שיינדעלע, די צייט שטעהט ניט.

דו דארפסט געהן שלאפען. עס איז שפעט. דו ביזט אויך אויסגעמאטערט פון דעם היינטיגען אווענט. זעהר מעגליך אז איך בין שולדיג דארין. אבער דו וועסט דאך מיר פארצייהען, דו ווייסט ווי שטארק איך האב געגארט דיך צו זעהן און נאך שטארקער דיך אומצוארמען.

איך פארלאז דיך שיינדעלע. איך מוז אוועק. ערשט יעצט מוז איך אונטערנעהמען א נייע וועלט וואנדערונג, אום צו זוכען א פלאץ פאר מיר איך וועל עס געפינען. די וועלט איז גרויס, פארראן פלאץ פאר נאך א מענשען איבעראל. אבער א גיפטיגע קויל האסטו פון מיין הארצען געמאכט, און ווער ווייסט וועמען זי וועט טרעפען.

שיינדעלע, די צייט היילט אלעס. איך וויל זאלסט זיין ניכטער און באגרייפען, אז ווען איך וועל אין דער גרויסער וועלט קומען, וועלען זיך פיליבט מיינע וואונדען פארהיילען. אבער געדענק אז אירגענד ווער זאל ניט געטראפען ווערען פון מיין גיפט, וועלכען איך טראג אין הארצען ביי מיר.

גענוג — גענוג — רייד ניט מעהר אזוי, טויט ניט מעהר די נשמה אין מיר הירשעל, האט זיך שיינדעלע געבעטען, און איינגעגעסען זיך אין זיינע ליפען.

שים ניט מעהר דיינע גיפטיגע פיילען, וועלכע האבען צולעכערט מיין הארץ, און אויף אייביג פארוואונדעט. שווייג, שווייג — מיין — היר—שעל. —

(ווערט פארגעזעצט)

בלויז הזז וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלס מוהל

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואהנונג 62 בראנזוויק עווענו און טעלעפאן קאלעדזש 1076.

חתן כלה

זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס

קאן מען קריגען
אין אפיס פון

אידישען זשורנאל

אדרעס פון דעם אפיס [illegible]
251-253 [illegible] וו.

ווענט [illegible] אין בעסטע אויסקינפטען פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו:

פ. ליוואי
ספעשעל לייף אינשורענס אגענט
P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8161

מזרחי קאנפערענץ שליסט זיך

(פארזעצונג פון פיידזש 1)

אלע קאנאדער רבנים זענען איינשטימיג ערוועהלט געווארען אלס עהרען וויצע - פארזיצענדער.

די קאנפערענץ האט אנגענומען א שארפען פראטעסט געגען די פאגראמען און אידען פארפאלגונגען וואס געהען יעצט אן אין אוקראינע און פוילען, און בעט די רעגירונג ווייניגסטענס אויפמערקזאם צו מאכען יענע לענדער וועגען די ניט ציוויליזירטע האנדלונגען פון זייערע אונטערטאנען.

נאכדעם ווי דער קאנפערענץ האט אנגענומען די אלע באשלוסען, האט הרב זלאטניק וועלכער איז געוועזען דער פארזיצענדער פון דער קאנפערענץ, און וועלכער האט פאקטיש רעגירט איבער דער קאנפערענץ, און זי דערהויבען צו דער שטופע פון באגייסטערונג געגעבען שלום ווערטער צו אלע רבנים וועלכע זענען געוועזען די געסט פון דער קאנפערענץ.

די רבנים האבען כאראקטעריזירט וואס עס איז באצוועקט אייגענטליך דער מזרחי אנצוליעב וועלכען צוועק דער קאנאדער מזרחי איז געשאפען געווארען, און אין שעהנע גייסטרייכע רעדען אויפגעפאדערט די דעלעגאטען ניט צו האבען יציאה געוועזען מיט דער קאנפערענץ וואס האט בלויז געדויערט צוויי טעג, נאר ערשט יעצט פאנגט זיך אן א נייע עפאכע אין קאנאדער אידיש - ארטאדאקסישען לעבען, וואו זיי מוזען צייגען אז זיי זענען נאך ניט די אפגעשטארבענע.

די שלום רעדע פון הרב זלאטניק איז געוועזען א גייסטרייכע.

די רעדע איז געוועזען פונקט אזוי זאכליך און לאגיש, ווי די גאנצע האנדלונגען זיינע אלס פארזיצענדער אויף דער קאנפערענץ, וועלכער האט ארויסגערופען צו זיך אכטונג און רעספעקט.

נאך א זאמלונג פון געלט פאר'ן מזרחי פאנד, איז די קאנפערענץ געשלאסען געווארען מיט דער התקוה.

אין אווענט איז געגעבען געווארען א באנקעט אין גאלדענבערג'ס רעסטאראן לכבוד די דעלעגאטען און געסט.

וועט קיינמאל ניט ווערען טאג?

אילוסטרירט די בילד אייער ערפאהרונג?

איז דא עטוואס מעהר שרעקליכעס ווי ניט קענען שלאפען?

שלאפלאזיגקייט איז איינער פון די ערשטע און זיכערסטע סימפטאמען פון ערשעפטע נערווען.

דאס איז א ווארנונג אז איהר דארפט האבען די הילף פון דר. טשייס'עס נוירוד־פוד צו שטארקען די נערוו - צעלען און אויסמיידען דורכדעם די ענטוויקלונג פון ערנסטע נערווען - ליידען.

פארבעסערענדיג די קוואליטעט פון דאס בלוט און שטארקענדיג דעם נערווען־סיסטעם פארשאפט די שפייז - רפואה נייע ענערגיע און קראפט דעם גאנצען קערפער.

50 סענט א באקס, 6 פאר $2.75 ביי אלע דיעלערס אדער ביי עדמאנסאן ביימס און קא. לימיטעד, טאראנטא.

Dr. Chase's Nerve Food

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאניע

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט, טעלעפאן ארעל. 3087

אווענדען און יום טובים טעלעפאנירט קאל. 5619.

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST.

באקאנטמאכונג.

וועלכע עלטערען עס איז טייער אז זייערע קינדער זאלען קענען שרייבען, און לעזען יודיש, אז זיי זאלען זיך באקענען מיט די יודישע ליטעראטור האבען די געלעגענהייט ביי אן ערשט אנגעקומענעם עמיגראנט, זיך נאכצופרעגען.

יעקב שינדעלהיים באלדווין סטריט 83
טעלעפאן קאלעדזש 1834
13904—12—15

שוך דילערס אויפמערקזאם.

וויליאם הערים און קאמפאניע פון 114 יארק סטריט לאזט וויסען צו אלע שוך דילערס, אז מיר האבען יעצט איין גרויסען סטאק פון מענערשע, באיאישע און קינדערשע ראבערס, גאראנטירט נומער וואן סטאק, נישט מעהר ווי 5 קייסעס צו א קאסטומער מיט א דיסקאונט פון 20 פראצענט אף פון רעגולער פרייז. אויך האבען מיר א פיל ליין אין ראנינג שיך מיט א דיסקאונט פון 25 פראצענט פון פרייז ליסט.

W. Harris & Co. 114 York St. Phone Ad. 3446

13901—12—24)

נאטיס צו די פעדלערס

ווערטע פריינדע, זייט וויסען אז דעם רעגים שאפ פון מר. מילקין האב איך איבערגענומען און צאהל די בעסטע פרייזען פאר סחורה. קומט אלע, איהר וועט ווערען ערנטליך באהאנדעלט.

מיט אכטונג,
מענדעל רומאק, 7 פאנסטאן סט.
389912—13)

דר. סיגעל

דענטיסט
425 בלור סט. וועסט
קארנער ראבערט סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 2820

יעקב מ. בענעט

(פון בענעט און קעמעראן)
באריסטערס, סאליסיטערס, נאטאריעס א. ז. וו.
2901 דאנדעס סט. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077
אווענינג טעלעפאן דזשאנקשאן 983

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט
341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720
גיט אכטונג אויף דער גרויסער עלעקטרישער שילד.
ברידזש ארבייט צו מעסיגע פרייזען.
אפען אין אווענט.

דר. מ. פיווני

דענטיסט.
שמערצלאזע עקסטראקשאן פון ציינער
קאר. קווין און ספאדיינע עוו. רום 2.
טעלעפאן ארעליי 4067.

טעלעפאן ארעלייד 5615.

דר. מ. קייטס

דענטיסט
218½ קווין וועסט
(קאר. מיקאל סטריט.)
טאראנטא.

דר. ב. לאנדוי

דענטיסט
אפיס
דאנדעס קאר. ספעדיינע
קאלעדזש 6073

צו פערענטען

צו פארענטען פלעטס פאר מאנופעקטשורינג אדער לייכטע ווערהאוזעס, נאכפרעגען 75 דאנדעס סטריט איסט, קארנער דאנדעס און באנד סטריט.
3872—12—14))

צו פארענטען א הויז אויף 44 לעאנארד עוו. 7 רומס מיט אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען מר. ריידער, 46 דיארסי סט. טעלעפאן קאלעדזש 6648.
13920—12—15)

צו פארענטען א פלעט פון 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס. 30 פיבי סטריט. טעלעפאן עדלייד 1494.
13913—12—15)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס, סעפערעט מיטער, סינק אין קיטשען, אלע קאנוויניענס, נאכפרעגען 208 ראבערט סטריט, ביליג רענט.
13903—12—17)

א פלעט פון 4 רומס, עלעקטריק און עלעקטריק פיקטשורס, ווינדאו בליינדס, אלע קאנוויניענס. פרעגען 281 פאלמערסטאן עווענו.
919—12—15

ארבייטער פערלאנגט

איך בין ווילינ צו טון ארבייט אויף חתונות און ברית'ן, אדער אלס ווארטפרוי, ווי אויך אנדערע הויז ארבייט, אדער אין א רעסטאראן. פרעגען ביי טעלעפאן קאלעדזש 3477.
912—12—16)

אן עקספיריענסד דעזיינער פון קלאוקס סוטס און קאוטס פערלאנגט א פאזישאן. גוטע רעפערענס אויב נויטיג. נאכפרעגען שריפטליך „זשורנאל" באקס 614.
891—12—16)

אן עלטערע פרוי איז ווילינ צו געהן אלס ווארטס פרוי, נאכפרעגען 22 סאהא סטריט

הערט א מעשה

א מאן זאגט אז ער איז דער גרעסטער אידישער קינסטלער וואס טאראנטא האט ווען אמאל געהאט. ער זאגט, ער פיקסט, אלערליי מאשינער: גראמאפאנען, סקיילס, שלעסער, נייע שליסלען, בייבי קערעדזשעס, אייזערנע פענסעס, אדער טירען, סטאווס ריפיירט און גענניקעלט און קאנעקט. ספעשעל אין סטאווס וואס באקען ניט. פארשידענע ארטיקלען פון שטאל, אייזען, אדער מעטאלען.

ש־ש־ש־ש —לאכט־ניט, נאר טרייט און איבערצייגט אייך. הונדערטער האבען שוין געטרייט און זיי זיינען העכסט צופריעדען, און דאס איז

פ. שרייבער 9 קענזינגטאן עוו.
טעלעפאן קאלעדזש 6621.

אידישע ווייבער זייט אויפמערקזאם!

די גראסערי פון 168 בראנזוויק עוו. קארנער הארבארד, איז איצט א אידישע גראסערי. מיר פארקויפען אויף די ביליגסטע פרייזען און גיבען די בעסטע סחורה. מיר דעליווערען און שפארען אייך איין צו טראגען זיך מיט פארסעלס. טעלעפאן קאלעדזש 2847. 168 בראנזוויק עוו. ס. סאקאוויטש.
13885—12—16)

א הוסט איז א סימן פון קומענדער ערנסטער געפאהר באפרייט זיך פון דעם גלייך מיט א דאזע פון „דר. מייסיס קאף באלזאם". קיין אנדער מעדיקאמענט גלייכט זיך צו דעם, אבסאלוט גאראנטירט. פרייז 35 סענט. צו באקומען בלויז ביי

Claude J Halloran
דראגיסט.
202 Dundas W. Cor. Centre Av.
טעלעפאן ארעלייד 1281.

פארהיט אייערע אויגען

אין די קאלטע ווינטערן וועט איהר וועלען זיצען אין הויז, דערפאר דארפט איהר אייך פארזארגען מיט באקוועמע אויגען גלעזער צום לעזען. אויגען ווערען זעהר פארזיכטיג עקזאמינירט, און גלעזער ווערען פארקויפט פאר זעהר מעסיגע פרייזען. גלעזער צום לעזען פון $3.50 און העכער. פאטראניזירט דעם איינציגען אידישען ארווערטייזטען אפטאמעטריסט אין שטאדט.

אויב איהר קענט ניט קומען צו אונזער אפיס אונטערזוכען מיר אייערע אויגען ביי אייך אין דערהיים.

Dr. LOUIS WINKLER
Registered Optometrist and Optician
390½ Yonge St. Ad. 5671
With N. Jacobs' Jewelers

ביזנעס קויפען און צו פארקויפען

יעצט איז די צייט צו קויפען גאלד'ס קאוטס, קאוטס, דרעסעס און סוטס, די שעהנסטע און בעסטע גארמענטס אין קענעדע, ביליגער ווי איבעראל.

$275 קאוטס פאר האלבע פרייזען. $125 סוטס פאר 50 דאלאר, און נאך ביליגער. דרעסעס פאר פארטיס, בעלער און חתונות. קומט גלייך און קויפט. יעצט איז די צייט. לעגט ניט אפ אויף שפעטער.

גאלד 112 דאנדעס סטריט וועסט.
1115—12—17

ספעציעל פאר פרויען.

איהר באקומט צו קויפען נייע שייטלען ווי אויך צו פיקסען אלטע אין האר ארבייט. אויך מאך איך א ספעציעלען בארגיין היינטיגען מאנאט אין פליכטען. די וועלכע האבען אויסגעקעמטע האר, מאך איך פון זיי פליכטען.

יומאן הער שאפ, 153 דאנדעס וועסט.
1010—12—21

אלע איבערגעלאזענע סוטס און אייווערקאוטס פון אונזערע דרייסיג ברענטשעס איבער גאנץ קענעדע, וועלען אויספארקויפט ווערען צו $14.00 א שטיק. איינציגע פאר הויזען צו $3.95, באזונדערע וועסטען צו $1.50. אין פיעלע פאלען זענען אט דיעזע פרייזען צוויי דריטעל וועניגער ווי זייער פאקטישע ווערט. סוחרים דארפען קויפען דיעזע סחורה און זיי וויעדער פארקויפען צו זייערע קאסטימערס. קלוגע מענער וועלען קויפען צוויי אין דריי סוטס און אויבערדעק צו דיעזע פרייזען.

צום אויספארקויפען אין 282 יאנג סטריט, ענגליש און סקאטש וואלען קאמפאניע.
1052—12—30)

צו פארקויפען א דזשענטס פוירנישינג און קלאדינג סטאר. פארזיכערט א לעבען צו מאכען. אורזאכע פון פארקויפען, איינגענטימער געהט אין מאנופעקטשורינג ביזנעס. נאכפרעגען 541 קווין סטריט וועסט.
13831—12—16)

צו פארקויפען א ליידעס טיילארינג און רעדי - טו - וועיר סטאר. א לאנגער ליעס. אורזאכע פון פארקויפען, קען ניט אטענדען די ביזנעס. נאכפרעגען 2966 דאנדעס סטריט וועסט. אדער טעלעפאן דזשאנקשאן 4140.
13865—12—14)

צו פארקויפען אן איינגעטרייטע גראסערי און בוטשער סטאר, וועלכע טוט גוטע ביזנעס און איין גוטען וואוינונג. אורזאכע פון פארקויפען, קען נישט אטענדען. נאכפרעגען 73 יוראן סט.
13923—12—20)

צו פארקויפען א קלינינג און פרעסינג סטאר, טוט זעהר גוטע ביזנעס. מוז גלייך פארקויפט ווערען. אורזאכע פון פארקויפען שותפים צוגעהען זיך. נאכפרעגען שריפטליך „זשורנאל" באקס 516.
13919—12—15)

איבערצוגעבען א ליעס און פיקסטשורס אין בעסטען געגענט פון סיינט קלעיר עווענו. טוט פאר עני ליין ביזנעס. נאכפרעגען אין אווענט 1302 סיינט קלעיר עוו.
13914—12—15)

איבערצוגעבען אן איינגעטרייטע דריי־גודס ביזנעס אין א גוטען געגענט. ביליג רענט, מיט אדער אהן סטאק. 276 ספעדינא עוו.
13915—12—16)

איבערצוגעבען א הויז פון 7 רומס מיט אלע קאנוויניענס. אויך אייניגע זאכען פוירניטשור. קען גלייך אריינמופען. נאכפרעגען 209 קווין סט. וועסט.
13921—12—17)

צו פארקויפען א הויז פון 5 רומס מיט געז און וואסער און סטייבעל פאר 4 פערד מיט אן אפסטערז פאר $1400. נאכפרעגען 179 מאראיע סטריט וועסט טאראנטא.
13916—12—20)

צו פארקויפען א גוטע הויז פון 6 גרויסע רומס און זומער קיטשען אויף באלדווין סט. נעבען קענזינגטאן עוו. אלע מאדערנע קאנוויניענס. אויך א גאראדזש פאר צוויי קארס און בעק ליין. זעהר גוט פאר א געשעפט צו עפענען. נאכפרעגען 167 באלדווין סטריט.
13917—12—15)

$2500.00 א סאליד בריק סטאר און 4 גוטע רומס, אבעק ליין, אלע קאנוויניענס. זעהר א גרויסער בארגיין. נאכפרעגען 167 באלדווין סטריט.
13918—12—15)

צו פארקויפען א דזשענטס פוירנישינג סטאר, דער בעסטער איסטערן געגענט, די ביזנעס ווערט פארקויפט ווייל די שותפים צוטיילען זיך. נאכפרעגען 152 קווין סטריט איסט, טעלעפאן מיין 7264.
925—12—19)

ביזנעס שאנסעס!

טעלעפאנירט ארעלייד 153
פאר מעסערזשער.

אלע סארטען שערען געשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער.
אלע סארטען רייזערס. בליידס געשארפט.
אויך ביי געוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און אריינגעשטעלט נייע העלמלאד צו רייזערס.
מיר קומען נאך דער ארבייט.

די אלבערט שארפער רייזער
180 באטהורסט סט. טאראנטא. אנט.

רופינג. וויליאם סאלטער, 152 בעי סטריט, ארעלייד 1098, דזשעראדרד 496
1061—12—28)

הויז רעפער קא. לימיטעד.
152—4 בעי סטריט

מיר קוקען איבער און פאררעכטען אלעס נויטיגעס אויף בילדינגס פון סעלער ביז'ן דאך.

טעלעפאן ארעלייד 1098
1061—12—28)

פייפערהענגינג און פיינטינג.

דער אלטער באקאנטער פייפערהענגער און פיינטער פייפערט מיט די שעהנסטע פייפער און די בעסטע פיינט.

סעם קיימס, 166 אסינגטאן עוועניו
טעלעפאן פארקדייל 3394.
3340 —12—1'

מיר רעפּירען אלע סארטען סטאווס און קלינען פארניסעס צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען אייער אלטען סטאוו אויסקוקען ווי ניי. 80 דזשעראד סט. וועסט. טעלעפאן עדעלייד W 5198
13505—1—1)

דעכער פיקסען.

מיר מאכען נייע גראוועל דעכער און פיקסען אלטע, מיר מאכען פארשידענע פוירנים ארבייט. גוטע באהאנדלונג גלייך אטענדעט צו די ביליגסטע פרייזען. אלע ארבייטען גאראנטירט. אימפיריאל רופינג און טינסמיטינג קא. 95 עלם סטריט. טעלעפאן ארעלייד 7631.
3771—12—24

פלאמבינג און היטינג קאמפארד קאמ.

מיר מאכען נייע און פיקסען אלטע פלאמבינג. שנעלע באהאנדלונג. צופרידענהייט גאראנטירט.

434 קווין סט. וועסט טעלעפאן קאלעדזש 2784.
711—12—18

קארפענטערס.

מיר מאכען סטאר פיקטשורס און אפיס ארבייט, ווי אויך הויז אלטערייטשאנס, צו ביליגסטע פרייזען. טעלעפאן קאלעדזש 7306 אדער 171 יוקליד עוו. מר. סטיינער.
13855—12—19

דעכער פיקסען.

מיר מאכען נייע גרעוועל דעכער און פיקסען אלטע, און פוירנים ארבייט. גלייך אטענדעט צו די ביליגסטע פרייזען. אלע ארבייט איז גאראנטירט, די דזשענעראל רופינג און טינסמיט קא. 374 אסינגטאן עווענו, פאן קאלעדזש 677.

קאהען און קאהען

באריסטערס און נאטארים פאבליק א. א. וו.
טאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מעין 2684.
אברהם קאהען הילקרעסט W 4855
סעמיועל קאהען דזשאנקשאן 2619.

סיטי דריי ווארקס

349—351 קאלעדזש סטריט.

מיר נעהמען אן ארבייט צו קלינען, פארבען און פרעסען. אונזער טראק וועט קומען צו אייך ווען איהר וועט אונז טעלעפאנירען.

מיר רענטען אויך פול דרעס סוטס און סילק העטס. טעלעפאנירט קאלעדזש 2628.

ספעשעל סייל

CASH OR CREDIT

אזוי ווי מיר האבען א גרויסען סטאק פון פארשידענע דזשועלערים, סילווערועיר, קאט גלעז, לייכטער, פרעזענטס אייוואורי סעטס. אויך א שעהנעם אויסוואהל פון דיימאנדס אלעס פון 25 ביז 50 פראצענט ביליגער. איהר מעגט זיך ערלויבען צו קומען און איבערצייגען זיך אז 14 קערט גאלד ריסט וואטש פאר $20.00

אייער פריינט קעש
145½ קווין סטריט וועסט
טעלעפאן אדלייד 3588

ווען איהר קויפט און ארפיסעל דערמאנט דעם „אידישען זשורנאל".

אין „פאלים קאורט“

לויפט נאך זיין פרוי אין אן אונטער־העמד.

ווען דער זונטאג האט שוין געהאלטען ביים אויסהויכען זיין לעצטען אטעם און דער „בלויער“ מאנטאג האט זיך גענומען רוקען אויף דער שלאפענדער טאראנטא, האבען די זעלטענע דורכגעהער אויף יאנג סטריט פלוצלונג דערזעהן א מאדנע געשטאלט איינגעהילט אין ווייסען וועלכע איז האסטיג געלאפען איבערן גאס ארויסלאזענדיג מורא'דיגע פלוך־געשרייען.

— נאט באשיין אונז און באשירעם אונז! — האבען די דורכגעהער געטוליעט זיך צו די שלאפענדע הייזער און בלייך פאר שרעק נאכגעפאלגט מיט די אויגען די מאדנע זעהונג.

אויף דעם „דערביי“־שטעהענדען פאלים־מאן האט געקלאפט א צאן א צאן, אבער ער האט צונויפגענומען זיין גאנצען מוט און הרייסט געלאזען זיך אויף'ן גאסט.

— גיעה צוריק אין דיין רוה אריין — האט דער פאליסמאן אויסגעדונערט, שרייענדיג בכיון הויך כדי צו געבען זיך אליין מוט — טויטע דארפען ניט באאינרוהיגען די לעבעדיגע.

— וואס רוה, ווען רוה — האט דער נאכט־וואנדלער זיך אפגערופען מיט כעס — איך וויל רוה אבער מיין פרוי גיט מיר ניט קיין רוה. איך בין שוין געלעגען אין בעט און זי האט ניט אויפגעהערט צו יארען, צו עגבערען און טאטשען מיר. דאס יאג איך זיך דאך נאך איהר צו פארמאכען איינמאל פאר אלע מאל איהר פיסק.

— קום מיט מיר — האט דער פאליסמאן געזאגט — איך וויים פון אן ערטעל וואו דו וועסט זיך קענען אפרוהען א ביסעל.

דזשאזעף טיערי איז טאקע געשלאפען ווי א גראף די אנדער העלפט נאכט אין פאלים־צעל, אבער ער האט דאס נאכהער אויסגערעכענט ווען ער האט געדארפט באצאהלען צעהן דאלאר פאר שטערען די געזעלשאפטליכע רוה.

ברודער שלאגט פארפיהרער פון זיין שוועסטער.

דזשאזעף האטשינסאן האט ניט געלייקענט אז ער האט גוט אנגעבראכען די ביינער א געוויסען חברה־מאן.

— און ווען איך וועל איהם ווידער זעהן וועט ער אויך ניט אפשניידען טרוקען — האט דער אנגעקלאגטער געזאגט.

— פארוואס האסטו איהם געשלאגען? — פרעגט שטרענג דער ריכטער.

— דער לומפ האט מיין שוועסטער פארפיהרט.

דער ריכטער איז ווייכער געווארען.

— אבער דו האסט ניט דאס רעכט צו נעהמען דאס געזעץ אין דיינע אייגענע הענט — זאגט דער ריכטער מיט א טאן נידעריגער — איך וועל דיר באפרייען אבער ריהר איהם ניט אן, ער איז עס ניט ווערט.

די שטאדט האט געוואונען.

דרייסיג ביגעזער זיינען געבעטען פאר געבראכט געווארען. פאר'ן ריכטער אויף דער קלאגע פאר באפלעקען דעם הייליגען און ריינעם זונטאג מיט אן אזארטנער קארטען־שפיעל. ווער פון די „הימלישע זיהן“ עס האט פארלארען און ווער עס האט געוואונען איז ניט באוואוסט, אבער אונזער שטאדט האט זיכער ניט צוגעלייגט צום עסק. יעדערער פון די קארטען־שפילער האט צוגעטראגען א דרייערל, וואס דאס מאכט אוים א קימאלן פון ניינציג דאלאר, א סומע וועלכע געהט ניט היינטיגע צייטען צו פוס.

צו וואס דארף ער דעם יום טוב?

הערבערט לייטאן, אהן געלט און אהן פריינט, האט זיך געבעטען ביים ריכטער ער זאל איהם פארשיקען אויף 15־טעג אין דזשייל פארם.

— 10 טעג וועט דיר זיין גענוג — האט דער ריכטער געזאגט — וועסטו ניט דארפען זיין קריסטמעס אין דזשייל.

— צוליעב וואס? — האט לייטאן ניט געוואלט אננעהמען דעם ריכטערס גוטסקייט — איך זאל זעהן ווי אנדערע פארברענגען, הוליען און לעבען א גוטען טאג?

אבער דער גוטער ריכטער האט אים ניט געלאזען רעדען.

— איך זאג צעהן איז צעהן.

דער ריכטער האט ניט געוואלט דערלאזען עס זאל איבערגעפיהרט ווערען זיין ערב יום־טובדיגע שטימונג.

דער „אנטאריא טעמפערענס עקט“

ווען איהר נעהמט אן איבעריגע גרעזעל, געהט ארוים אויף'ן גאס און צוקושט זיך מיט'ן טעלעגראף סלופ, קומט אייך א שטראף פון צעהן דאלאר אדער צעהן טעג. אויב איהר האט נאך מיטגענומען די כמעט ליידיגע פלעשעל אין קעשענע, ווערט איהר שוין באשטראפט מיט 200 דאלאר אדער דריי מאנאטען, אבער אויב איהר האט זיך גוט אנגעשכור'ט און געפיהרט אין דעם צושטאנד אן אויטאמאביל, אזוי ווי ראבערט לעקי האט עס געטון, שטעלענדיג אין געפאהר מענשליכע לעבענס, דאן קומט אייך בלויז זיבען טעג.

אזוי איז דער געזעץ פון אונזערע אנטעריער חכמים געזעץ־מאכער.

גארפינקעל'ס
קייבעל

ענדליך האבען מיר דערהאלטען א פארשפעטיגטען קייבעל פון מר.
שמשון גארפינקעל
אז אלע געלדער ווערען אויסבעצאהלט
אין פוילען און גאליציען מיט דאלארס

יעצט קענט איהר זיך ערקונדיגען אז מיר האבען אונזערע קאנטראקטען ביז צום פונקט אויסגעפיהרט

מיר זענען די איינציגע וואס האבען זיך אונטערגענומען אויסצוצאהלען אין דאלארס, און האבען געהאלטען אונזער ווארט.

פון אריבער צוואנציג יאהר זייט אונזער פירמא עקזיסטירט, האבען מיר געוויזען דעם טאראנטאר פובליקום אז ראיעלקייט שטעהט העכער פון עשירות. איהר קענט יעצט שיקען ווייטער געלט צו אייערע פריינט אדער מאכען אראנזשמענטס אום זיי אריבערצוברענגען פון יוראפ.

מיר גאראנטירען אויסצוצאהלען
געלט אין 4 וואכען

איהר האט אונז געגעבען א גוטען טריאל, און מיר האבען דאס אויסגעשטאנען אין אייך. איהר ווילט זיין זיכער פאר ווייטער פרובירט ניט קיין נייע קאנטארען. קומט ווידער צו אונז.

קלמן גארפינקעל'ס
שיפס קאנטאר
153 Queen St. West

You Smokers are lucky to have
Old Kentucky
CIGARETTES
"YOU 'SHOOLY' WILL LIKE THAT BURLEY BLEND"
Old Kentucky Cigarettes

די צוריסענע קייט

פון א. האפמאן

דאס איז געווען אין יאהר 1905 ווען די גרויסע באוועגונג איז אין רוסלאנד אנגעגאנגען, דאס שטעדטעל א... ניט האבענדיג קיין שום באהן פארקעהר איז עס פון אייביג אן מיט דער אויסערליבער וועלטבמעט ווי אפגעשניטען געווען. די איינציגע קאמוניקאציע וואס דאס שטעדטעל האט יא געהאט איז געווען מיט דער גובערניא שטאדט ל... דורך די בעלי עגלות וועלכע האבען צוויימאל א וואך פון דארט פאר די עטליכע קרעמער פארשיעדענע סחורות געברענגט. זיי פלעגען אויך פאר דעם קאזיאנעם ראבינער פון זיינעם א ברודער וועלכער האט דארט געוואהנט א צייטונג ברענגען וועלכע ער האט פון ווארשא אויף זיין אייגענעם נאמען אויסגעשריבען. און ווען ער האט שוין געהאט ד' צייטונג אויסגעלייענט האט ער זיי מיט די בעלי עגלות צום ברודער איבערגעשיקט און דאס איז געווען דער איינציגער קוואל פון וועלכען דאס שטעדטעל האט די נייעס געשעפט און אזוי ארום זיך דערוואוסט וואס אויף דער וועלט טוט זיך.

איינמאל אין א הייסען שעהנעם זומער טאג ווען די בעלי עגלות זיינען פון דער גובערניא שטאדט צוריק געקומען איז אויך צווישען די פאסאזשירען א בחור מיטגעקומען, וואס קיינער האט איהם געקאנט און קיינמאל פריהער דא ניט געזעהן.

עס פלעגען אפילו א סך מאל אין שטעדטעל אריינקומען אזעלכע פארשוינען ווי מען האט זיי גערופען „פון די היינטיגע“ קורץ געקליידעטע מיט צוגעשוירענע בערדלאך אבער דאס זיינען אלעס געווען וואיאזשארען, מעהרסטענטיילס אגענטען פון שניט־וואארע וועלכע פלעגען צו די דריי פיער שניט־סוחרים וואס זיינען געווען אין שטעדטעל קומען. אבער דער יעצטיגער גאסט אונזערער איז געווען א פנים חדשות, נאך גאר א יונגער בחור אפשר אכצעהן יאהר אלט מיט א ווייך קאפעלושעל אויף דעם קאפ און א שטעקעלע אין דער האנט און אפילו ניט געהאט קיין פעקעלע מיט זיך און דאס ערשטע וואס ער האט זיך געפרעגט איז געווען וואו דער פעלדשער וואוינט, און גלייך אויפן דעם צווייטען טאג האט ער פאר זיך א קוואטיר ביי רחל טילעס די אלמנה גענומען.

מיט א פאר טעג שפעטער פלעגט דער בחור אפט אין בית המדריש אריינקומען און א סך מאל האט מען איהם געזעהן אין א גמרא אריינקוקען און א וואונדער איז עס טאקע ביי יעדען געוועזען אז אזא פארשוין זאל גאר וויסען וואס א גמרא איז אבער מיט דער צייט איז מען געוואר געווארען אז ער ווייסט עס ווייל ניט איינמאל איז ער מיט דער גמרא אין דער האנט צו איינעם פון די ביתהמדריש בחורים צוגעגאנגען א שטיקל גמרא פרעגען. אבער מעהר ווי מיט די אנדערע האט ער זיך מיט הערשלען דעם רב'ס פארברענגט און זיי פלעגען שוין יעדען טאג א דריי שטונדען צוזאמען א שיעור לערנען.

הערשעל דעם רב'ס איז געווען א יונגער בחור קוים זעכצעהן יאהר אלט און איז שוין געווען א חתן צום ג—ער רבינ'ס א מיידעל און ווען ניט דאס פלוצלינגע אומגליק וואס דער טאטע זיינער איז געשטארבען האט שוין געזאלט דער שבת נחמו די חתונה זיין, אבער מיט דעם טויט פון רב איז אלעס אנדערש געווארען ווייל דא האט זיך יעצט געהאנדעלט וועגען גאר אן אנדער זאך.

אויף וויפיעל דאס שטעדטעל א.. איז געוועזען קליין אבער די כסא הרבנות האט זיך גערעכענט פאר איינע פון ד' גרעסטע רבנות שטעטלעך אין פוילען ווייל שוין פון א סך־דורות איז קיין פרעמדער אויף דער שטוהל אלעם רב ניט געזעסען נאר עס פלעגט איבערגעהן ביירושה פון טאטען צום זוהן און די יחוס קייט האט זיך נאך פון „יוד הקדוש“ געצויגען וועלכער איז געווען דער ערשטער וואס האט דעם גרונדשטיין געלייגט.

הערשעלע זייענדיג א בן יחיד איז געווען דאס איינציגע רינגעלע פאר דער קייט וואס האט בעדארפט מצרף ווערען אבער זייענדיג נאך אזוי יונג און ניט האבענדיג נאך קיין סמיכות הרבנות איז גאר קיין רייד ניט געווען אז ער זאל עצט דער ממלא־מקום זיין אבער אויך קיין צווייטען רב איז קיינעם ניט איינגעפאלען צו צונעהמען און נאך א גרויסער אסיפה וואס דאס שטעדטעל האט געהאט איז געבליבען בהסכם כל הקהל אז ר' פרץ, א איד א גרויסער למדן און בעל הוראה זאל דערווייל די שטעלע פארנעמען, אבער בשום אופן ניט טראגען דעם טיטעל רב נאר „מורה הוראה“ אין א הויז די הכנסה פון דין תורות וועלכע וועלען צו ר' פרץ'ן קומען, זאלען די אלע אנדערע הכנסות ווייטער בלייבען ווי געוועזען און דאס זאל זיין פאר דעם רב'ס בני בית. אויך אלע כבודים וואס דער רב האט געהאט ווי למשל סנדקאות, יעדען שבת אן עליה, און די שטאדט אין מזרח וואנד זאל דערווייל אלעס צו ר' פרץ'ן געהערען ביז הערשעלע וועט אביסעל עלטער ווערען און האבען א תמימות זקן און ווען ער וועט ראוי זיין דעם טאטענס ירושה איבערצונעהמען.

די ערשטע צייט האט דאס גאנצע שטעדטעל גרוים תרעומות געהאט אויף הערשעלען היתכן, ווי קומט עס אז ער זאל זיך גאר חבר'ן מיט אזא „יאלד“ אבער ביסלאכווייז האט מען איהם מוחל געוועזען ווייל מען האט פארט זיי קיין שלעכטעס ניט געזעהן טון אדרבא זיי פלעגען יעדען טאג גאנץ געשמאק מיט התמדה א שיעור לערנען.

ווי א פלאם פייער וואס צופלאקערט זיך פון א גרויסען שטורעם ווינט, האט זיך דאס שטעדטעל מיט אמאל געגעבען א כאפ אין א געוויסען פריהמארגען, ווען עס זיינען די עטליכע גארבער יונגען וועלכע האבען אין די צוויי גארבארניעס אין שטעדטעל געארבייט און א צוועלף יודלעך וועלכע האבען ביי די טאנדייטערס הויזען גענייט, זיינען צו דער ארבייט ניט געגאנגען און פארזאמלענדיג זיך אויף דעם ליידיגען פלאץ אונטער'ן שוהל־הויף האבען זיי אלע אין איינעם אנגעהויבען צו זינגען עפעס אזוי ווי להבדיל אין א קלויסטער און די ניגון האבען בשעת מעשה די היטלען פון קאפ אראפגענומען. אלע פון שטעדטעל די מענער, ווייבער און קינדער זיינען זיך אויף זייער שווארין צוזאמענגעלאפען און ניט וויסענדיג וואס ס'איז אזעלכעס האבען זיי געדענקט ניט גערעדט נאר אז די חברה זיינען עפעס אלע מיט איינמאל משוגע געווארען, אבער פלוצלונג האט זיך צו זיי דער פרעמדער בחור באוויזען און פאר זיי א גאנצע דרשה געהאלטען און ארויסשלעפענדיג פון אונטער זיין בוזעם א רויטע פאהן, האט ער א געשריי געטון — נידער מיט די בלוט זויגערס פאר וועלכע איהר מוזט אכצעהן שטונדען א טאג ארבייטען. לעבען זאל דער פראלעטאריער!! לעבען זאל די רעוואלוציע!!

נאך יענעם פריהמארגען האט זיך דאס גאנצע שטעדטעל ווי מיט די פיס ארויף זיך איבערגעדרעהט. דער בחור איז נאך דעם זעלבען טאג פארשוואונדען און מען האט ניט געוואוסט וואו זיין געוויין איז אהין געקומען, אבער אונזער הערשעלע איז געבליבען דער אמת'ער שטעל פארטרעטער וועלכען ער האט זיך געלאזט.

און וועה איז געווען צו די אויגען וועלכע האבען דאס געזעהן און וועה צו די אויערען וועלכע האבען דאס געהערט ווי הערשעלע דעם רב'ס פלעגט ניט איינמאל אזעלכע דרשות האלטען און יעדער שניידער מויד און יעדען גארבער יונג מיט זיין זאנד באגריסען און רופען זיי „שוועסטער“ און „ברודער“.

עס האט ניט געהאלפען דאס קלאגען און וויינען פון דער אלטער רביצין אויף פון יעדערען באזונדער אין שטעדטעל וועלכע האבען זיך געבעטען ביי איהם, ער זאל זיי די חרפה ניט אנטון און זאל די טייערע הייליגע קייט וועלכע ציהט זיך שוין אזוי פיעל דורות ניט איבעררייסען, עס האט אויך ניט געהאלפען דאס סטראשען פון ג—ער רבין, זיין מחותן דאס ער וועט די תנאים צורייסען. הערשעלע לאכט זיך אוים פון די אלע ואבען אין תאלם אין איין שורייען דאס ער מוז אייזערנע קרעפטען פון טיראני צורייסען ווען אפילו זיין אייגענע יחוס קייט מיט זיין אייגען לעבען זאל דערביי צורייסען ווערען.

ערב יום כפור פארנאכט יעדערער האט שוין די סעודה אפגענעסען און אנגעטונענע אין די ווייסע קיטלען און איינגעוויקעלט אין די טליתים שטעהט יעדער מאן און ווארט אז זיין ווייב זאל די ליכט אפבענטשען און גרייט שטעהען די קינדער לעבען די טאטעס און די אייניקלאך לעבען די זיידעס און ווארטען פון זיי א ברכה צו באקומען.

אויך די אלטע רביצין שטעהט ביי איהר טיש און מיט די הענט די אויגען פארשטעלט בענטשט די ליכט און די טרערען שטופען זיך דורך צווישען די פינגער ווי שטראמען וואסער צווישען די פעלזען, און זי וויינט און בעט אז ער זאל איהר איין און איינציגען קדיש, איהר איין און איינציגען כוים צוריק צום שורש ברענגען דאס ער זאל שפראצען און בליהען און זאל די זעלבע גוטע פירות וואס זיינע עלטערען און אור עלטערען פון זיך ארויסגעבען.

און עלענדע און פארצווייפעלטע איז די אלטע רביצין אין שוהל אוועק און ארונטערקוקענדיג פון דער ווייבערשער שוהל האט זי הערשלען צווישען די מענער מיט איהרע אויגען געזוכט, איהר הארץ האט זיך זעהר געשראקען ווייל נאך באלד אין דער פריה זיינען פון דער גובערניע שטאדט אכט זשאנדארען געקומען און ארום דרייענדיג זיך דעם גאנצען טאג איבער דעם שטעדטעל האט מען פארשטאנען אז ניט אומזיסט זיינען זיי אהער געקומען, און הערשעלע איז דעם גאנצען טאג אין דערהיים ניט געוועזען, און די איינציגע טרייסט איהרע איז געוועזען דאס זי וועט זיכער איהר הערשעלען דא אין דער שוהל צו כל נדרי טרעפען. אבער אומזיסט האט זיך די אלטע רביצין יעדער וויילע פון איהר ארט אויפגעשטעלט און צו די מענער ארונטערגעקוקט. הערשעלע איז דארט ניט געוועזען.

ווען דער חזן האט שוין אנגעפאנגען די יעלות צו זאגען זיינען פלוצלונג — ווי פון טויט געיאגטע — הערשעלע מיט נאך צוויי חברים פון די גארבער יונגען אין שוהל אריין געלאפען, הערשעלע איז גלייך צו צו דער מזרח וואנט און אויף זיין טאטענס שטאדט לעבען ר' פרצ'ן זיך אוועקגעשטעלט און מיט דער גרעסטער שרעק און פארצווייפלונג אויסגעשריען „ר' פרץ ראטעוועט! מען יאגט מיך און ווען מען וועט מיך כאפען וועט מען מיך שיסען...

ר' פרץ האט קיין איין סעקונדע ניט פארלארען, נאר גלייך פון זיך דעם טלית מיט דער גרויסער זילבערנער עטרה ארונטערגענומען און אויף הערשעלעס קאפ ארויפגעווארפען.

א מינוט שפעטער זיינען א חבורה זשאנדארען ווי די ווילדע משחיתים אין שוהל אריין געלאפען און מיט די בלויזע שווערדען אין זייערע הענט זיינען זיי גרייט געוועזען יעדען איינעם צו דערהרגענען, אבער זייער בליק איז גלייך אויף די צוויי גארבער יונגען געפאלען וועלכע זיינען אין א ווינקעל פון שוהל צוזאמענגעשטאנען און האבען זיי גלייך די הענד און פיס אין שווערע קייטען געקאוועט.

און ווען די זשאנדארען האבען זיך אין שוהל ארומגעדרעהט און יעדערען אין די אויגען אריין געקוקט איז הערשעלע אונטער דעם טלית אין דרייען געבויגען געשטאנען און מיט טרעהרען אין די אויגען האבען זיינע ליפען דעם פסוק „ובצל כנפיך תסתירנו“ אין דער שטיל געבעטען...

הערשעלע איז שוין מעהר אין דער באוועגונג טעטיג ניט געוועזען אבער אויך די ירושה וועלכע איז אזוי פיעל דורות פון טאטען צום זוהן איבערגעגאנגען האט ער ניט איבערגענומען, די קייט איז געווארען איבערגעריסען . . .

עקזימא
איר מאכט קיין עקספערימענטען ווען איר געברויכט דר. טשייס'עס זאלב פאר עקזימא און הויט קראנקהייטען. עס פארלייכטערט כמעט אין הויט לאנגזאם די הויט. סעמפעל באקס פון דר. טשייס'עס זאלב פריי אויב איהר דערמאנט דיזע צייטונג און שיקט 2 סענט סטעמפ פאר פאסטעדזש. 60 סענט א באקס ביי אלע הענדלער אדער עדמאנסאן, בייטס און קא., לימיטעד, טאראנטא.

ווי אזוי דער הילפס - יוניט איז פארטיילט געווארען אין די מלחמה - לענדער

א מעלדונג פון ווארשעווער אפיס פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע דערצעהלט, ווי אזוי די מיטגלידער פון גייעם הילפס - יוניט, וועלכער איז לעצטען אקטאבער אפגעפאהרען קיין פוילען, צוזאמען מיט די פארבליבענע מיטגלידער פון ערשטען יוניט, זיינען צוטיילט געווארען איבער די פארשידענע טעריטאריעס פון די מלחמה - לענדער.

ווארשא: דר. קאוואלסקי — הויפט דירעקטאר פאר פוילען; קאהאן זיין סעקרעטאר; פריים דירעקטאר פון דעפארטמענט פאר פריוואטע געלד - זענדונגען; וואן נעלדער זיין סעקרעטאר; רובי — דירעקטאר פון גאראזש - דעפארטמענט און פרימאן — זיין געהילף; ראזענבלום — דירעקטאר פון וועהרהויז - דעפארטמענט; ריער — דירעקטאר פאר קאנגרעס - פוילען און ברעסלער — זיין געהילף.

גאליציען: דר. ווארטסמאן.
ראוונא: שאהאן, ווארבי און סיגעל.
בריסק: לואיס און שופמאן.
ביאלאסטאק: פרויד.
ווילנא: דאהפמאן.
קאוונא: סוסקאט און ציגמאן.
לאטוויא: היימאן און נעצער.
דאנציג: קאגאן.
רעוועל: קאראמיק.
רומעניען: ברוקמאן, מאסקאוויטש.

אויסער זיי איז דר. פייזער דירעקטאר פון דער יתומים און קינדער - ארבייט און הר. לעף — דירעקטאר פון מעדיצינישע ארבייט.

זוכט יאפאן [illegible] מיט אמעריקא [illegible]

(פארזעצונג פון פיידזש 4)

יאפאן וואקסט אין מעקסיקא און [illegible] הייסט שוין אריינגעקראכען [illegible] איז גאנץ נאהענטער שכנות. [illegible] זיינען נאך פאראן א סך אנדערע [illegible] כען פאר מעגליכען קריעג צווישען [illegible] פאן און אמעריקא.

מיט איין ווארט, עס איז [illegible] אויסגעשלאסען אז זשאר [illegible] צווישען יאפאן און אמעריקא [illegible] איז אויך ניט אויסגעשלאסען, [illegible] לאנד זאל זיך שטעלען אויף [illegible] פון יאפאן. ווארום ענגלאנד איז [illegible] שטארק פאראינטערעסירט, אז [illegible] זאל ניט אויסשפרייטען איהרע [illegible] איבער דעם ווייטען מזרח. די [illegible] קאפיטאליסטען ליעבען ניט צופיעל [illegible] אמעריקאנער.

איז שוין אפשר פארשטענדליך [illegible] וואס אי יאפאן, אי אמעריקא [illegible] זיך און גיבען אוים מיליאנען און [illegible] ליאנען אויף בויען נייע שיפען, [illegible] פארגרעסערען די ארמייען, אויף [illegible] טען זיך מיט אמוניציע און וואס ניט?

POLISH AMERICAN NAVIGATION CORPORATION
ברענגט אריבער אייערע ליבע
שנעל, זיכער, ביליג
דער דאמפער „גדאנסק“
פון דער בארימטער
„פאליש - אמעריקאן ליין“
פאהרט אב פון דאנציג ארום
מיטען יאנואר.
ארדערט די שיפסקארטען טעלעגראפיש, וועלען אייערע קרובים נאך קענען מיטפאהרען מיט דיזער שיף. נאכפרעגען
C. B. RICHARD & CO.
GENERAL PASSENGER AGENTS
BROADWAY : NEW YORK
Telephone, Whitehall 500

—for the good
of the community.

שפארזאמע יאהרען

פון זינט 1914 ביז צום היינטיגען טאג האבען מיר אפגעלייגט דאס פארגרעסערען די איינריכטונגען פון דער קאנסומערס געז קאמפאניע דערפאר ווייל מיר האבען זיך ניט געפיהלט בארעכטיגט צו פארלאנגען קאפיטאל צו מאכען דיזע פארגרעסערונגען. קענעדע האט געהאט מעהר רעכט צו פארלאנגען דאס געלט פון איהרע בירגער.

אט דיזע אפגעלייגטע איינריכטונגען זענען איצט העכסט נייטווענדיג.

מיר וועלען אין גיכען פארלאנגען פון אונזערע קאסטימערס אריינצולייגען געלט אין אונזערע שערס כדי צו שאפען דאס נייטיגע קאפיטאל אויף דיזע איינריכטונגען.

מיר האבען ניט געצאהלט מעהר פון 5.40% אויף קאפיטאל וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין די לעצטע דרייסיג יאהר. מיר קאנען ניט ערווארטען צו באקומען דאס פאר 5.40% ביים היינטיגען טאג.

אבער מיר ערווארטען צו קריגען דאס אויף א פראצענט וואס וועט זיין ניט העכער ווי דאס וואס די רעגירונג צאהלט אויף דאמיניאן באנדס. ווארום זינט די לעצטע צוויי און זיבעציג יאהר האבען נאך קיינמאל ניט פארפעהלט צו פארדינען אדער צו באצאהלען אונזערע דיווידענדען.

THE CONSUMERS' GAS COMPANY
OF TORONTO

THE DAILY HEBREW JOUR

S. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of
• PUBLISHED BY •
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., L
251 - 253 Queen Street West Telephone Adelaide
Subscription Rates $6 Per Year, $3.50 Six M
Single Copy —3 cents.

Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto
January 22nd 1913

יכם אן מיט אטאקעס אויף אידען

ביי אונז אין שטאדט האט לעצטענס אנגעהויבען צו ערשיינען א נייע גלישע וואכען - צייטונג „דהי קענעדיען אפיניאן“.

אן ענגליש וואכען - צייטונג איז ניט קיין נייעס, און זיכער ניט קיין סירונג אויף וועלכער מען זאל זיך דארפען אפשטעלען עדיטאריעל.

אבער הפנים אז די ארויסגעבער פון דער באטרעפענדער צייטונג האבען זיך מתקנא געווען אין אזא צייטונג פון דעם טיפ ווי פארד'ס „דירבארן אינדעפענדענט“, און זיי זוכען זיך אויך אריינצודרייסען אין דעם צייטונגס - מארק דורך אטאקעס אויף אידען.

אין דעם ערשטען נומער האבען זיי פאלגענדעס צווישען אנדערע אטיצען: —

א פריינדליכע עצה צו אידען

„מיט'ן פאלען פון די לעבענס-קאסטען און די פארקלענערטע ווערט פון אלע סחורות, וועלען א סך אידען און סיריער באוואוינען ווערען צו האבען ביי זיך א קליין פייערל, און נאכהער אויסציפארקויפען צו דער פארזיכערונגס - געזעלשאפט. זאלען זיי זיך היטען! זיי קענען דאס יעצט ניט טון אזוי לייכט ווי אין די אלטע צייטען. מיר האבען א רעגיערונגס פייער - מארשאל מיט אדלער אויגען, וועלכער גיט אויף זיי אכטונג. ער אונטערזוכט אלע פייערן, און אנשטאט צו באקומען א פעטען טשעק פאר'ן פייער, קען ער יעצט גיכער באקומען עטליכע יאהר“.

אזוי ווערט געגעבען א פריינדליכע עצה צו די אידען, אודאי צייטונג האפט אז דורך אזא פערהדיגער ליטעראטור וועט איהר געלינגען צו באקומען דעם לעזער.

מיר ווילען איף אזעלכע נארישע לומפערייען ניט ענטפערען, נאר עס האנדעלט זיך שוין יא וועגען פריינדליכע עצות, קענען מיר די ארויסגעבער אויך געבען א פריינדליכע עצה, דאס מאהל א פריינדליכע עצה פאר א אידען.

און מיר וועלען די באטרעפענדע פאבלישערס פון נומער 26 עדעלייד טריט העסט ניט מטריח זיין צופיעל. אונזער עצה צו זיי זאל חלילה ניט פארבונדען זיין מיט אויסגאבען, מיט איבעריגע הוצאות. — אין טאראנטא גופא האט שוין אמאל איין וואכען - צייטונג געפרובירט שלאגען קאפיטאל פון עהנליכע נארישע שטיק. דער אפיס פון דער באטרעפענדער צייטונג איז ניט ווייט, אינ'ם זעלבען געגענד, בלויז איין בלאק צוצוגעהן, זאלען די הערען פון דער „קענעדיען אפיניאן“ אהין צוגעהן און א פרעג טון צי דער עסק פון אטאקעס אויף אידען לוינט זיך, צו דער מסחר באצאהלט זיך.

דארטען ווייסט מען שוין פון ערפאהרונג וועגען דעם און די נייע פאבלישערס אדער די נייע רעדאקציע וועלען זיך מעגען צוהערען צו זייער מיינונג.

דאס איז א פריינדליכע עצה צו די ארויסגעבער, אן עצה פון אידען.

די לעצטע מאהיקאנער

אין ניו־יארק איז די טעג געהאלטען געווארען די יעהרליכע קאנווענשאן פון דער אידישער פארמער פעדעראציע. איינער פון די רעדנער ביי דיזען צוזאמענפאהר איז אויך געוועזען דער אלטער סיירוס סולצבערגער, וועלכער פארנעהמט א פראמינענטען פלאץ צווישען די אמעריקאנער אידישע כלל־טוער.

אבער וואס איז געוועזען דער אינהאלט פון זיין רעדע?

די אידישע פארמער דארפען ניט האבען קיין באזונדער ארגאניזאע, זיי האבען ניט קיין באזונדערע נייטען און פראבלעמען, און ממילא ארפען זיי ניט האבען קיין באזונדער קערפערשאפט.

ווען סולצבערגער וואלט זיך פריהער, איידער ער האט געהאלטען זיין רעדע, דורכגעשמועסט כאטש מיט עטליכע אידישע פארמער, וואלטען זיי איהם געהאט א סך צו דערצעהלען, און אז ניט אומזיסט האבען זיי זיך ארגאניזירט.

אבער ווי קען מען ערווארטען, אז זיי די האלב - אסימילירטע אידען נ'ם אלטען אפשטארבענדען דור זאלען קענען באגרייפען און פארשטעהן דעם נייעם אידען מיט זיינע נויטען. זיי, וועלכע האבען זיך אויסגעהארעוועט אויף די אסימילאציאנס - אידעען, ווי קען מען גאר ערווארטען פון זיי, אז אין זייערע מחות זאלען קענען האבען פלאץ דאס אידישע פראבלעם, און די נויטיגקייט פון א נאציאנאלער ארגאניזאציע פאר אידישע פארמער.

די סולצבערגערס און די אנדערע פון זייער גלייכען — זיי זענען די עצטע אפשטארבענדע מאהיקאנער.

בראווא האנאריבל ראיעל — האסט ניט פארשעהמט די רעאקציאערען אין דער היים.

און ווארום זאל טאקע קאנאדע ניט האבען דעם כבוד, אז איהר פארטרעטער ביי דער נאציאנען - ליגע זאל אין זשענעווא באקעמפען דעם [illegible] פון מינאריטעטען - רעכט.

פראנקרייך וויל פון דייטשלאנד ניט ווייניגער ווי פינף און פערציג יליאן דאלאר שאדענערזאץ.

און נאך באשולדיגט מען די פראנצויזען אין לייכטזין.

זייט איהר שוין א וואלונטיר פאר'ן קומענדען הולפס - קעמפיין? איט. שעמט זיך ניט. בעסער צו ווערען א וואלונטיר אויף עטליכע [illegible]

זוכט יאפאן מלחמה מיט אמעריקא?

פון בן לוי.

אין אמעריקא זענען דא געגוג מענשען, וועלכע לאזען ניט ארויס פון מויל די יאפאנעזישע געפאהר. ניט דוקא די געפאהר פאר יאפאנעזער איינוואנדערונג, וואס דאס איז א גאנץ אנדער געשיכטע, נאר די געפאהר פון מלחמה צווישען אמעריקא און יאפאן.

וועגען א מעגליכער מלחמה צווישען אמעריקא און יאפאן ריידען דא מענשען מיט גרויסען ערנסט. פאראן מענשען, וואס האלטען, אז דיזע מלחמה איז גאר, גאר ניט ווייט. מען גיט אן די יאפאנעזער גייציגקייט אין ווייטען מזרח אלס אן אורזאך. מען גיט אן די געפאהר פאר די פיליפינער אינזלען. מען שרייט, אז יאפאן האלט ביי פארכאפען אויף א פרידליכען אופן, דאס הייסט דורך קאלאניזירען, זאגאר די האוויער אינזלען און מען טוט ניט ווייזען אן איין אורזאכען פאר וואס אמעריקא וועט אמאל מוזען מלחמה האלטען מיט יאפאן.

אז דאס זיינען ניט קיין פוסטע רייד, אז מען נעהמט דיזע רייד גאנץ ערנסט, קען מען זעהן פון אמעריקא'ס גרייטען זיך כסדר צו קריעג. דער בודזשעט פון דעם קריעגס - דעפארטמענט און פון דעם פלאטען - דעפארטמענט פאר דעם קומענדען יאהר אין אמעריקא איז אזוי גרויס, אז אין די יאהרען פאר'ן וועלט - קריעג האט די גאנצע רעגירונג סיסטעם אין לאנד ניט געקאסט אזוי פיעל, ווי אט דיזע צוויי דעפארטמענטע וועלען אפקאסטען. 814 מיליאן דאלאר וועט די רעגירונג אויסגעבען אין דעם קומענדען יאהר אויף אויפהאלטען די אמעריקאנער ארמיי און 650 מיליאן דאלאר אויף אויפהאלטען די פלאטע. מען בויט אהן א שיער נייע קריעגס שיפען. מען בויט לופט שיפען. מען פארזיכערט די גרעסטע קאנאנען. מען פאבריצירט אהן א שיער שטיקענדע גאזען. מען טוט דאס אלעס, פארשטעהט זיך, ניט גלאט אין דער וועלט אריין. מען האט אין זינען א מעגליכען קריעג. און אז מען פרעגט וועמען מען מיינט דערמיט, געגען וועמען מען קלייבט זיך דאס מלחמה צו האלטען, זאגט מען אפען, פארשטעהט זיך, גארנישט, אבער הינטען ארום, אין דער שטיל, וויזשטשעט מען אז אויף יאפאן. יאפאן איז א גרויסע געפאהר פאר אמעריקא און א מלחמה מיט איהר איז ווייט, ווייט ניט אויסגעשלאסען.

מען מוז צוגעבען, אז די אמעריקאנער „פייער עסער“, די וואס שרייען וועגען קריעג מיט יאפאן האבען אפט געגוג פאקטען צו באווייזען, אז זיי זיינען גערעכט. אין יאפאן זיינען אויך דא געגוג „פייער עסער“ און פונקט ווי די אמעריקאנער שרייען זיי אויך וועגען קריעג, ווען די יאפאנעזער רעגירונג וויל זיך איינקויפען ביי איהר עולם, וויל פארדעקען איהר אונפעהיגקייט, איהרע מיסערפאלגען, איהר מאכטלאזיגקייט אפצושטעלען די ארבייטסלאזיגקייט און פארקלענערען די שווערע צינזען. לאזט זי איהרע אגענטען רעדען אויף אמעריקא, א סך חלב אפיציעלע צייטונגען אין יאפאן רייצען דעם יאפאנעזער עולם צו קריעג געגען אמעריקא, ניט ווייל עס האלט טאקי ביי דעם, נאר ווייל מיט דעם איז לייכטער צו פארדעקען א סך זאכען. די מעשה קאליפארניע, וואו מען האט אנגענומען א פאר געזעצע געגען יאפאנעזער איינוואנדערונג, האבען צופלאקערט די שאוויניסטישע אינסטינקטען פון די יאפאנעזער „פייער שפייער“ און מען האט דארט היבש גערעדט וועגען מלחמה מיט אמעריקא.

עס איז אזוי צו זאגען, א מין שפיל אין אריבערריאגען צווישען די שאוויניסטען פון אמעריקא און די שאוויניסטען פון יאפאן. אי דא אי דארטען, סטראשעט מען מיט מלחמה, אבער צי איז אזא זאך מעגליך? און צי האט טאקי יאפאן אין זינען א קריעג מיט אמעריקא? און צי קען זי גאר טראכטען וועגען פיהרען אזא קריעג?

מיר האבען פריהער דערמאהנט וועגען די צוגרייטונגען צו קריעג זייטענס אמעריקא. אמעריקא וועט אויסגעבען דיזען יאהר כמעט אנדערטהאלבען ביליאן דאלאר אויף דער ארמיי און דער פלאטע. וואס טוט אבער יאפאן פאר צוגרייטען זיך צו אזא קריעג? דער לעצטער באריכט פון טאקיא דערצעהלט, אז די רעגירונג האט אריינגעבראכט א בודזשעט פאר דעם קומענדען יאהר און דארטען זיינען דא די פאלגענדע געלדער פאר דער ארמיי און פלאטע: 123 מיליאן דאלאר פאר דער ארמיי און 249 מיליאן דאלאר פאר דער פלאטע, צוזאמען 372 מיליאן דאלאר. דאס הייסט ארום א פערטעל פון דער אמעריקאנער סומע.

העכער ווערט באטאנט אין דעם באריכט, אז דיזער בודזשעט איז בלויז א פארשלאג פון דער רעגירונג, אבער ער קען דורכפאלען און פארקלענערט ווערען וועהן אויף א באדייטענדע סומע. די עקאנאמישע לאגע אין יאפאן איז איצט גאר ניט קיין פרעהליכע. די ארבייטסלאזיגקייט איז זעהר גרויס דארט און דער הונגער שטארקט זיך. עס זיינען דא אנדערע, דרינגענדערע פראבלעמען דארט, ווי צו גרייטען זיך צו א קריעג און אודאי ניט צו א קריעג מיט אמעריקא. עס איז קלאהר, אז אמעריקא האט גאר ניט, וואס מורא צו האבען פאר יאפאן. וועגען דעם, אז יאפאן זאל א מאל אריינשיקען אן ארמיי קיין אמעריקא, ווי עס באהויפטען מאנכע אמעריקאנער שאוויניסטען, וועלכע קריכען שוין, אזוי צו זאגען, אויף די גלייכע ווענט, קען אודאי קיין רייד ניט זיין. יאפאן האט פאר דעם ניט די נויטיגע ארמיי, ניט די נויטיגע פלאטע און ניט די נויטיגע כחות.

אבער אמעריקא גרייט זיך פארט צו קריעג און דאס גלייבען יאפאן.

„אז מען קלינגט, איז א חגא“, זאגען גוים און אז מען גרייט זיך, איז דאס מסתמא ניט אומזיסט. איז אז מען קוקט זיך צו נעהענטער צו דער פראגע און מען באטראכט גענויער די לאגע, זעהט מען, אז עס איז ווייט ניט אויסגעשלאסען א קריעג צווישען יאפאן און אמעריקא און אפשר מיט א דריטער מאכט אין מיטען, מיר מיינען ענגלאנד.

אמעריקא פאנגט אן צו ווערען א גאנץ גרויסע וועלט מאכט לעצטענס. דער אמעריקאנער קאפיטאל, וועלכער האט ביז איצט באנוגענט זיך מיט דעם היימישען מארק, האט אנגעפאנגען צו פיהלען, אז עס ווערט איהם ענג, אז ער דארף מעהר ווי איין אמעריקא פאר אויסשפרייטען זיך, אז ער דארף די וועלט. די מלחמה האט געגעבען דעם אמעריקאנער גרויסען קאפיטאל צו פארזוכען דעם טעם פון אויסלענדישען גרויסען האנדעל. דער פינאנציעלער קאפיטאל פון אמעריקא, די אזוי גערופענע וואל סטריט, פאנגט אויך אן פיהלען, אז עס ווערט איהם ענג. ער דארף די וועלט. מען האט דאס געקענט ניט לאנג זעהן פון דער גרויסער הלואה וואס מען האט געגעבען כינא. עס איז געווען א צייט, אין דוקא גאר ניט לאנג, ווען אמעריקא, די אמעריקאנער רעגירונג, האט ניט געוואלט באטייליגען זיך אין דיזער הלואה, אדער יא באטייליגען זיך בלויז אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דאס וועט העלפען כינא. די גאנצע הלואה צו כינא איז געמיינט צו פארשקלאפען יענעם לאנד. ניט לאנג צוריק האט מען דורכגעפיהרט אזא הלואה פאר כינא, אין וועלכער אמעריקאנער קאפיטאל באטייליגט זיך און קריגט א גאנץ פעטען חלק, און דורכגעפיהרט געווארען איז זי גראדע להיפוך פון די פריהעדיגע אמעריקאנער טראדיציעס — די קייטען איבער כינא'ס האלז זיינען דורך דיזער הלואה נאך שטארקער פארצויגען געווארען.

דאס באווייזט יעדענפאלס, אז אמעריקא וועט זיך ניט אפשטעלען געגען א מיליטערישער אקציע, אויב דאס וועט נאר נויטיג זיין. ווארום עס איז שוין א כלל, אז ווען גרויסע קאפיטאליסטען פון א געוויסען לאנד לייהען אויס געלד צו א קלענערען, אדער שוואכערען לאנד, מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג, גאראנטירט די רעגירונג געוויסערמאסען, אז דאס אנטליהענע געלד וועט זיין גאנץ. גאראנטירט די רעגירונג, יעדענפאלס, אז זי וועט זעהן, אז דאס געלט זאל גאנץ זיין. און גאראנטירען קען א רעגירונג מיט קיין זאך נאר, מיט מיליטערישען אריינמישען זיך, ווען דאס וועט נויטיג זיין.

יאפאן גרייט זיך צו קריעג באטש אין פארגלייך מיט אמעריקא קען דיזער צוגרייטען זיך זיין פון א קנאפען גרויס. אבער מען דארף ניט פארגעסען, אז אין פאל פון קריעג צווישען אמעריקא און יאפאן וועט אמעריקא אויסקומען זיין די אנגרייפערין און יאפאן די אנגעגריפענע. יאפאן וועט ניט דארפען קומען אין די אמעריקאנער וואסערען צו פיהרען קריעג. עס וועט זיין אמעריקא. וואס וועט דארפען שיקען א פלאטע אין די יאפאנעזער וואסערען צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון אמעריקאנער קאפיטאליסטען אין כינא און אנדערש וואו. אין אזא פאל דארף גאר יאפאן ניט האבען אזא גרויסע פלאטע, ווי אמעריקא. עס איז שוין אן אלטער כלל אין הלכות קריעג, אז דער וואס גרייפט אן, דארף האבען ניט אין דעם ערך א גרעסערע ארמיי און פלאטע, ווי דער וואס ווערט אנגעגריפען.

דאס מיינט ניט צו זאגען, אז אמעריקא וועט אנגרייפען יאפאן גלאט אין דער וועלט אריין. אמעריקא וויל זיכער קיין טעריטאריע ניט פארכאפען פון יאפאן, וואס אמעריקא וועט זוכען איז, ווי דערמאהנט פריהער, צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון אמעריקאנער קאפיטאל אין אזיען. און יאפאן וועט זיך זיכער שטעלען אנטקעגען און אין אזא פאל איז א מלחמה גאנץ מעגליך.

עס קומט נאך צו די פראגע פון סיביר. יאפאן האט דערווייל פארכאפט גרויסע שטיקער פון סיביר. יאפאן האט א באפעלקערונג, וואס וואקסט אומגעהויער און וואס ווערט פארשטיקט אין די ענגע ראמקעס פון יאפאנעזישען רייך. דער יאפאנעזישער קאפיטאל האט אויך א וואקס געטאן זעהר שטארק לעצטענס און ער זוכט אן אויסגאנג פאר זיך. סיביר איז פאר דעם יאפאנעזער קאפיטאל א גאנץ גוטער פלאץ. סיביר איז רייך מיט גרויסע נאטירליכע אוצרות, באזונדערס מיט אייזען. און וואס יאפאן נויטיגט זיך זעהר שטארק. ביז איצט פלעגט יאפאן מוזען אנקומען צו אמעריקא נאך אייזען און אזוי ווי די באציהונגען צווישען די צוויי לענדער, ווערען וואס ווייטער אלץ מעהר אנגעצויגענער, וועט יאפאן באלד ניט קענען קריגען קיין אייזען אין אמעריקא. אבער אמעריקא, דאס הייסט די אמעריקאנער קאפיטאליסטען, זיינען אויך ניט ווייניג פאראינטערעסירט אין דעם סיביר מארק. אויסער אייזען האט סיביר א סך פראדוקטען, וואס קענען געבראכט ווערען קיין אמעריקא. סיביר איז נאך דערצו א פאטענציאנעלער גוטער קונה. מען וועט קענען אפזעצען גאר אין גיכען א סך אמעריקאנער סחורות דארט. איבער אלץ איז ראטע דא פאראן א סך קעראסין און פאר קעראסין פאלען איצט און שטעהן אויף א סך מלוכות און לענדער.

דערצו קומט נאך מעקסיקא. בייזע צינגער זאגען, אז דער איינפלוס פון

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

מזרחי אויסכאפענישטן

געזעהן, געהערט, פאסירט און אויפגעכאפט דורך

פון "בן מנחם"

דער ארימער פרינץ דזשארדזש איז מיט ווייס בלוי פעהנדלאך באהאנגען געווען און מיט א זיבען רעהריגער רבנים ליכט באצירט געווארען. די מנורה איז פול געוועזען. אלע רעהרלאך זיינען אנגעצונדען געווארען, און געברענט מיט רעדעס לכבוד דעם מזרחי. געוואונשען זיך מזל־טוב, און קאנאדע האט געציינט איהר פולע ליכט פון טאראנטא, אריבער האמילטאן, אטאווא, און מאנטרעאל.

יעדע מנורה ליכט האט פראבירט אריבערפלאמען די צווייטע, ביז עס איז געקומען א טאראנטאר געשעפטסמאן מיט א מעשה וועגען פליגעל, און גענומען קרעכצען אויף'ן לינקען פליגעל.

מיר זיינען דער חוט־השדרה, איהר זענט די פליגעל, האט ער באגריסט די קאנווענשאן, און געדענקט מורי ורבותי, אז אייער פליגעל זאל אונז ניט שטעכען — ווי יענער פליגעל.

און די קאנווענשאן האט געהילכט מיט אפלאדיסמענטען, זאגענדיג דערביי יענעם באגריסער, זייט רוהיג, ווי לאנג דער לינקער פליגעל טוט אויך וועה, נוצט איהר אונזער וועהטאג ניט שפירען.

שטעהט רבי לעווין פון האמילטאן אויף דער פלאטפארמע און דרשנ'ט.

חברים מזרחים, מאכט ניט קיין טעות, אז דער מזרחי שטרעבט בלויז צו א טייל פון יעדער זאך. מיר מיינען אלעס, און זיינען אלעס, מיר זיינען די מזרחים. די ארטאדאקסיע, די ערציהער, די טוער, מיר וועלען טון אלץ פאר ארץ ישראל, ווי אויך פארן עם ישראל. א געפאהר שטעהט יעצט פאר אונז. אז ארץ ישראל זאל געבויט ווערען דורך אראבער. אויב מיר וועלען דערלאזען דעם לינקען פליגעל צו בויען ארץ ישראל.

בראווא, רבי לעווין! בראווא. איהר זענט גערעכט, אויב דער לינקער פליגעל וועט בויען ארץ ישראל אהן דעם רעכטען, וועט עס זיין א לינקע ארץ ישראל.

— אונזער עצה דערפאר איז, אז אויך איהר רעכטע זאלט וועניגסטענס העלפען בויען א שטעדטעל. אזוי גרויס ווי האמילטאן.. אום עס זאל זיין פלאץ פאר א מזרחי ארגאניזאציע.

וואו איז דער גייסט.

זיצען די רבנים און דעלעגאטען און קראכטען וואס וועט ווייטער זיין. די קאנווענשאן איז שוין ערעפענט. רבי זלאטניק האט שוין געהאלטען זיין "זלאטע" רעדע. א זעלטען שעהנע, א גערעדטענע. פול מיט ענטוזיאזם און גייסט. אלע האבען באשיינפערליך געזעהן ווי דער גייסט צושפרייט זיך איבער פרינץ דזשארדזש, איז ארונטער פונ'ם קאנווענשאן האל, שפאצירט איבער די צימערלאך, איז זאגאר ארונטער באשטעלען פאר זיך א צימער איבער נאכט. יענץ עס שטעלט זיך פלוצלונג. אויף רבי גרובארד און שרייט אוים וואו איז דער גייסט?

די ובנים האבען זיך צוזוקט. די דעלעגאטען האבען גענומען קוקען ארום זיך. די מאנטרעאלער זיינען געלאפען זוכען אין זייערע פעקלאך. פיליכט האט זיך ערגעץ וואו דער גייסט באהאלטען.

אט איז ער דאך ערשט געוועזען. ערשט שפאצירט. רבי זלאטניק זעלבסט האט דאך איהם געהאט, געהאלטען איהם.

ביז עס איז געקומען רבי בערגער פון אטאווא, און אויסגעשריען.

מיר זיינען דער גייסט. מיר מוזען פארשפרייטען אונזער גייסט.

די קאנווענשאן האט זיך בארוהיגט. די אבדה האט זיך אפגעזוכט. דער גייסט איז געוועזען אין אטאווא, און געקומען מיט רבי בערגער.

דאס גזעין.

א דעלעגאט איז ער געוועזען פון לאנדאן, און וועלענדיג איבערצייגען אז זיין לאנדאן איז פונקט אזוי רייך אין גזעין ווי דאס גרויסע לאנדאן, האט ער כסדר געציינט דאס גזעין.

יושב ראש, קאנסטיטוציאנעל לעזט מען פון אונטען ארויף.

יושב ראש, קאנסטיטוציאנעל ערוועהלט מען סעקרעטארען פון פלאר.

יושב ראש, קאנסטיטוציאנעל זיצען די וויים פרעזידענטען אויף דער פלאטפארמע.

יושב ראש . . .

דער פארזיצענדער האט שטילערהייט א פרעג געטון, פון וואנען ער קומט. און הערענדיג אז ער איז פון לאנדאן, האט ער א שמייכעל געטון, און געזאגט:

לאנדאן!

לאנדאן איז דאך אונזער רעגירונגס שטאדט, און מען טאר ניט געהן געגען גזעין.

און אזוי ארום איז ער געווארען "דאס גזעין" דעלעגאט פון דער קאנווענשאן.

אן אומזיסטער סעקרעטאר.

מען דארף א סעקרעטאר, א מזכיר, רופט מען פון די דעלעגאטען. זאל מען פארצייכענען דאס וואס עס ווערט געזאגט.

אזוי פיהרט מען זיך ביי לייטען, רופט א צווייטער.

און דער וויצע־ראש נעהמט אויף די נאמינאציע פון די דעלעגאטען.

דריי סעקרעטארען הערט זיך א קול. א אידישער, אן ענגלישער, און א העברעאישער.

און עס ווערען ערוועהלט דריי סעקרעטארען. פאר ענגליש פ. ליוואי, פאר העברעאיש מר. יגיר, פאר אידיש מר. ב. נאטאנזאהן. די סעקרעטארען פארנעהמען זייערע פלעצער, אויסער דער ענגלישער.

וואס איז מיט איך מר. ליוואי? פרעגען די דעלעגאטען.

מר. נאטאנזאהן, וועט אין זיין אידיש מיך שוין פארטרעטען, שמייכעלט פ. ליוואי. אין זיין אידיש וועט ער שוין מיך אויך יוצא זיין. פאר אן ענגלישען סעקרעטאר איז שוין מעהר קיין פלאץ ניטא.

ער פעלט

אויף דער פלאטפארמע איז געשטאנען א ליידיגע שטול. פאריתומ'ט, איינזאם, לעבען א רב, און געווארט אויף איהר דעלעגאט.

אין האל איז געפאקט. דער עולם איז באגייסטערט, אנגעווארעמט, אבער די שטוהל איז אלץ ליידיג.

א פרעמדער דעלעגאט וועמענס פלאץ עס איז פארנומען געווארען, לויפט צו צו דער פלאטפארמע, שטרעקט אויס זיין האנט, וויל נעהמען די שטוהל. אבער, דער רב גיט א קוק אויף איהם. זיין האנט ווערט ווי פאראליזירט. זיין בליק באגעגענט זיך מיט'ן רב'ס בליק און א פאר שעהמעדיג איז ער אוועק און געלאזען די שטוהל ווייטער שטעהן.

די שטוהל איז ווייטער געשטאנען און געווארט אויף איהר דעלעגאט אבער ער איז ניט געקומען.

פאר נעילה איז מען געוואהר געווארען, אז די שטוהל איז געוועזען פארברייטעט פאר פ. ס. אייזען, וועמען די טאראנטאר מזרחים האבען ערוועהלט אלס זייער קאנגרעס דעלעגאט.

צו דער קאנווענשאן אבער איז ער געבליבען אייזען קאלט, און זיין שטוהל איז געבליבען פאריתומט.

מענשען און אפגרונד ❧ ראמאן

פון יעקב פינגערמאן
אידיש פון א. ריינווין
ישראל זאנגוויל געווידמעט

(דריי און דרייסיגסטע פארזעצונג)
(דאס זיבעטע קאפיטעל)

"וואהין געהט איר?" האט געפרעגט א דיקע שטימע. מענצעל האט זיך אויפגעכאפט פון זיינע געדאנקען און האט דערקענט דעם שוישפילער הערשבערג, וועלכער שפיעלט זייט עטליכע וואכען מיט דער אידישער טעאטער טרופע, וועלכע גאסטראלירט אין לובלין.

דער אקטיאר האט געהאט דעם קאלנער פון זיין לייכטען איבערמאנטעל אויפגעשטעלט.

"אזוי . . . . אין ערגעץ ניט", האט מענצעל געענטפערט. "א גוטען טאג", ער האט שוין געוואלט ווייטער געהן, אבער הערשבערג האט אים אנגענומען ביים ארעם.

"ליעבער דאקטאר", קומט א שטיקעל מיט מיר. אזא קעלט! נעכטען האב איך שוין געגלויבט אז מיר וועלען האבען פריהלינג, און היינט — פשאקרעוו — ווייטער א שניי און א פראסט."

מענצעל האט געשוויגען. זיי זיינען צוגעגאנגען צו דער וואקזאל גאס, וואו א קאלטער פראסטיגער ווינט האט געבלאזען פון דער דערבייאיגער לעדיגער לאנקע.

"וואס איז דאס פאר א לעבען", האט געקרעכצט דער שוישפילער, "מיר וועלען היינט אויף דער ביהנע פארפרוירען ווערען. איך ווייסט, קיסטענבוים האלט אין איין שפארען. קוילען זיינען טייער, זאגט ער, שוישפילער ביליג. און עקעל! אבער איך וועל אים שוין עפעס אפשפילען, איך וועל אנהעצען די ווייסגליק — איר ווייסט דאך, די ווייסגליק מיט די ספארט־הויזען און מאטראזען־בלוזקע: אי, א וועלטעל איז היינט ארויסגעקומען" זינגט זי שוין צוויי חדשים צייט — זי זאל ניט אויפטרעטען, אויב מען וועט ניטהייצען. וואס וועט קיסטענבוים דען קענען טון? אהן די ספארט־הויזען איז אוים מיט דער גאנצער פארשטעלונג. איר ווייסט — אלע ליגען איר צו די פיס, יונג און אלט".

מענצעל האט ביטער געשמייכעלט: "זי איז זעהר פלינק".

"זי קען ניט קיין סך, אזוי אין גאנצען צוויי דריי לידער, אבער די פיגור, די פיס! איר וועט שטוינען, ווער עס שרייבט צו איר, אידען מיט אזעלכע בערד" — ער האט מיט די הענט אנגעוויזען אויף'ן בויך — "די פיינסטע יונגע־לייט, אפיצערען, נו און די הערען אינזשעניערען?" ער האט אנגעקוקט מענצעל'ן מיט איראנישע בליקען.

"עס איז מיר גאנץ ענגאל", האט דער לעצטער געזאגט. "עס זיינען דא גענוג ווייבער". א פיינער פארפיום־ריח האט זיך דערטראגען צו זיין נאז, א זים פנים האט זיך דערנעהענטערט צו זיינע ליפען . . . סאניע איז אין לאדז... האט עס אויפגעצוקט אין אים אבער ווי א שארפע נאדעל האט אים דורכגעשטאכען דאס הארץ, און טראפענס בלוט האבען אים געברענט אויף'ן צונג."

"קומט צו אונז", האט זיך דער שוישפילער אנגערופען. "היינט מאכען מיר ניט קיין פראבע, און מיר וועלען אלע זיין אין דערהיים. איר וועט זיך אויך קענען באקענען מיט דער ווייסגליק."

מענצעל האט אים ניטוויליגדיג נאכגעפאלגט.

אויף דער וואקזאל גאס זיינען זיי אריין אין א הויז מיט א ברייטען טויער, און זיי זיינען ארויף צום דריטען שטאק, וואוהין עס האבען געפיהרט שמוציגע הילצערנע טרעפ. אויף די טרעפ און ארום די פארענטשעס האבען זיך ארומגעוואלגערט אפגעלאזענע קינדער, וועלכע האבען נייגעריג געקוקט אויף די אנקומענדע און זיי זיינען ערשט אוועק, ווען די מאמעס זייערע זיינען צו זיי ארוים פון קיך, און זיי אוועק גערופען.

מענצעל האט שטילערהייט געזאגט: "וואס פאר אן עלענד!"

דער שוישפילער וועלכער איז שוין געוועזען צוגעוואוינט צו דעם בילד, האט נאר געצויגען מיט די אקסלען און געזאגט: "דא זיינען מיר שוין."

(ווערט פארגעזעצט)

אין דער ארבייטער וועלט

צום איצטיגען מאמענט

פון פ. האלפערין.

אלזא — קריעג. דער קאמף אויף דער אידישער ארבייטער־גאס האט זיך אנגעפאנגען. די פאבריקאנטען פון מענערשע קליידער אין ניו־יארק זענען געווען די ערשטע אנצופאנגען דעם קאמף, צו פראוואצירען דעם קאמף מיט זייערע אונמעגליכע פאדערונגען און די "אמאלגאמייטעד" האט געמוזט אויפנעהמען דעם קאמף, אויב זי האט ניט געוואלט פרייוויליג אויפגעבען איהר עקזיסטענץ, פרייוויליג צונישט מאכען אלע געווינסען, וועלכע זי האט ערווארבען אין די לעצטע פאר יאהר, נאך לאנגע און ביטערע קעמפע, פאר איהרע מיטגלידער. דערווייל איז די ארבייט אפגעשטעלט געווארען בלויז אין עטליכע גרעסערע שניידער־שעפער אין ניו־יארק, אבער לויט נאך די לעצטע באריכטען, קען מען זיך ריכטען אויף אן אלגעמיינעם לאקאוט יעדע מינוט, און עס איז גאנץ מעגליך, אז ווען די שורות ווערען געשריבען, איז שוין דער לאקאוט אין פולען גאנג.

אלזא — קריעג. און עס דארף גלייך פארשטאנען ווערען, אז דער קאמף וועט זיך ניט באשרענקען בלויז אויף ניו־יארק אליין. אין באסטאן, סינסינעטי, סט. לואיס, אין אונזער שטאט, איבעראל גרייטען זיך די באלעבאטים נאכצופאלגען דעם ביישפיעל פון ניו־יארק. איבעראל זענען די באציהונגען צווישען די ארבייטס־געבער און ארבייטער אנגעצויגענע, און עס איז בלויז א פראגע פון טעג, אז דער קאמף זאל אננעהמען אן אלגעמיינעם כאראקטער. עס איז אויך קלאהר, אז דער קאמף וועט בארוהרען ניט נאר די מענער שניידער, נאר אלע ארבייטער פון דער גאנצער נאדעל־אינדוסטריע. די אפמאכען צווישען די באלעבאטים פון די קלאוק־שעפער און דער לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן זענען אין פיעלע שטעט אפגעבראכען געווארען. אין אונזער שטאט האט שוין די קלאוק־מאכער יוניאן געפונען פאר נויטיג אפצושטעלען געוויסע ארבייטען אין די שעפער. די יוניאן זוכט מיט אלע מעגליכקייטען אויסצומיידען א סטרייק, אבער עס האנדעלט זיך ניט אום א סטרייק, עס האנדעלט זיך וועגען א לאקאוט און די באלעבאטים, שיינט עס, זיינען ענטשלאסען דורכצופירען עס. די זעלבע לאגע איז אין אלע גרעסערע שטעט פון אמעריקא. עס איז א קאמף אין דער גאנצער נאדעל־אינדוסטריע, אין דער וויכטיגסטער אידישער אינדוסטריע, וועלכע איז דערווייל בלויז אין דער ערשטער סטאדיע און וועט גאנץ זיכער אין די קומענדע טעג פאנאנדערפלאקערען זיך אויף דער גאנצער ליניע.

די באלעבאטים האבען דעם קאמף ארויסגעצוואונגען, אבער זאל מען צו זיי ניט האבען קיין טענות. מאנכע אידישע צייטונגען אין זייער אייפערדיגער איבערגעגעבענהייט צו די ארבייטער, זידלען און האבען טענות צו די באלעבאטים. ס'איז היסטעריע, וועלכע דארף אויסגעמיידען ווערען. נאר ניט פארלירען די קעפ, נאר האנדלען קלאהר, באוואוסטזיניג און מיט ווירדע.

זיכער האבען די באלעבאטים ניט געקענט פארבייגלאזען אזא גאלדענע געלעגענהייט, ווי די איצטיגע ניט צו באנוצען זיך דערמיט. דער לעצטער סעזאן איז געווען א שלעכטער. די ארבייטס־לאזיגקייט איז גרויס, און די באלעבאטים האבען גערעכענט, אז איצט איז די בעסטע צייט אפצורעכענען זיך מיט די ארבייטער און פארניכטען די פארהאסטע יוניאנס.

די איינציגע טענה, וועלכע מ'קען האבען צו די אידישע באלעבאטים, איז די, וועגען וועלכע עס איז עדיטאריעל גערעדט געווארען אין אונזער צייטונג לעצטען פרייטאג, אז דער קאמף, וועלכען זיי צווינגען איצט ארויף אויף די ברייטע אידישע ארבייטער־מאסען פון אמעריקא און קענעדע מוז זיך אונפארמיידליך אפרופען זעהר טראגיש אויף דער אומגליקליכער לאגע פון אונזערע ברידער און שוועסטער אין מזרח־אייראפא. אבער אויך דאס איז נוצלאז, ווייל מיר ווייסען דאך, אז ביי פיעלע פון דער אידישער בורזשואזיע איז דא פונקט אזוי ווייניג אידישקייט ווי מענשליכקייט. זייער איינציגער מאטא איז: "דער בייטעל איבער אלעס!" און זיי רעכענען, אז איצט איז זייער געלעגענהייט צו פאררייכערען דעם בייטעל און עס ארט זיי גאר ווייניג אויף וועמענס רוקענס דער קאמף וועט אויסגעפאכטען ווערען.

די אידישע ארבייטער האבען איצט נאר איין אויפגאבע: וואס שנעלער און וואס שטארקער, און וואס ווירקזאמער דערוויזען די באלעבאטים, אז טראץ דעם, וואס זיי, די באלעבאטים, האבען די צייט פון קאמף אויסגעקליבען, וועלען אבער ניט זיי זיין די זיעגער, אז די אידישע ארבייטער זיינען באוואוסטזיניג גענוג און סאלידאריש גענוג בייצוקומען, אפילו אין דער ערגסטער צייט, די אנפאלען פון די באלעבאטים. עס דארף קלאהר פארשטאנען ווערען פון אלע אידישע ארבייטער, אז דער איצטיגער קאמף איז ניט נאר א קאמף צווישען די שניידער־באלעבאטים און דער "אמאלגאמייטעד", נאר אז עס איז א קאמף צווישען אלע אידישע ארבייטער. דער לאקאוט פון די שניידער־באלעבאטים אין ניו־יארק איז בלויז אן אנפאנג און עס ווענדעט זיך אין דעם ענטפער, וועלכען זיי וועלען קריגען פון די ארבייטער, צי עס וועט זיך ניט ענטוויקלען צו אן אלגעמיינעם לאקאוט אויף דער גאנצער אידישער ארבייטער־גאס.

זאל־זשע דער ענטפער זיין א הילכיגער און א קרעפטיגער און זיך טראגען פון איין עק לאנד צום צווייטען: אידישע ארבייטער, אויף צום גרויסען קאמף!

* * *

די אידישע ארבייטער פון דער נאדעל־אינדוסטריע זיינען אלעמאל נאך יעדען גרויסען קאמף ארויסגעקומען שטארקער און מעכטיגער, און עס איז כמעט ווי זיכער, אז אויך איצט וועט דאס זיין דער פאל. שוין די בלויזע מעגליכקייט פון דעם ערווארטעטען קאמף האט געבראכט א גרויסען געווינס פאר די ארבייטער פון דעם נאדעל־טרייד. אין אונזער "ארבייטער־וועלט" איז לעצטע וואך געמעלדעט געווארען וועגען א קאנפערענץ, פאררופען פון דער לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן מיט'ן צוועק צו גרינדען א פארבאנד פון אלע נאדעל־טרייד יוניאנס. די קאנפערענץ איז שוין פארגעקומען און דער פארבאנד איז שוין א פאקט. פארלויפיג איז עס נאך א לויזער פארבאנד, ער טראגט בלויז א בעראטונגס־כאראקטער און אלע יוניאנס, וועלכע שטעלען אים צוזאמען, פארבלייבען אויטאנאמע קערפערשאפטען און דאס איז נאך זיכער ניט דאס לעצטע ווארט אין דער פאראייניגונג פון אלע נאדעל־ארבייטער, אבער עס איז א גרויסער און וויכטיגער אויפטו. די פאלשטענדיגע צוזאמענשמעלצונג פון אלע נאדעל־ארבייטער אין איין גרויסער יוניאן, ווי דאס איז פארלאנגט געווארען פון די "אמאלגאמייטעד" פארשטעהער אויף דער קאנפערענץ, האט ניט געקענט פארקומען צוליב דער מורא פון מאנכע דעלעגאטען וועגען דער שטעלונג, וואס די א. פ. אוו ל. וועט נעהמען צו אזא פארבאנד. אבער עס איז זיכער, אז די צייט דערנעהענטערט זיך, ווען מיר וועלען האבען איין גרויסע מעכטיגע יוניאן פון אלע נאדעל־ארבייטער.

די באלעבאטים האבען געמאכט א טעות אין חשבון. שוין איצט קען מען עס מיט זיכערקייט זאגען. אנשטאט צו צוברעכען די יוניאנס, טרייבען זיי אליין צו דער פארשטארקונג פון די יוניאנס. דער איצטיגער קאמף, וועלכען זיי האבען אליין געזוכט, וועט זיין זייער לעצטע צורונענע אילוזיע וועגען פארניכטען די יוניאנס. איין גרויסע יוניאן פון אלע נאדעל־ארבייטער וועט זיין אזא פעסטונג, וועלכע זיי וועלען ניט וואגען צו באפאלען און וועלכע זיי וועלען גאנץ זיכער קיינמאל ניט איינגעמען.

בערנער קאנפערענץ באשליסט צו רופען א סאציאליסטישען קאנגרעס

די בערנער קאנפערענץ פון די מעסיגע סאציאליסטישע פארטייען, וועגען וועלכער עס איז גערעדט געווארען לעצטע וואך אין דער "ארבייטער־וועלט", איז זיך צונויפגעקומען דעם 5־טען דעצעמבער, אזוי ווי עס איז אריגינעל געפלאנעוועט געווארען.

די קאנפערענץ האט באשלאסען צו רופען אן אינטערנאציאנאלען סאציאליסטישען קאנגרעס אין פריהלינג פון קומענדען יאהר.

פון דעם באשלוס קען מען נאר אננעהמען, אז די קאנפערענץ האט געפיהלט איהר אייגענע אונמעכטיגקייט. די קאנפערענץ איז זיך צוזאמענגעקומען מיט דער אבזיכט צו גרינדען א נייעם, א פערטען אינטערנאציאנאל, און ווען עס איז געקומען צו דער ארבייט, האט זיך, אפנים, ארויסגעוויזען אז ס'איז ניטא מיט וועמען צו געהן צום טיש.

די האפנונג פון די "מעסיגע" איז, אפנים, אז ביז פריהלינג 1921 וועלען זייערע רייהען פארשטארקט ווערען. עס בלייבט איבער צו זעהן, צי זייער האפנונג וועט פארווירקליכט ווערען, אדער זיי וועלען ערשט דאן איינזעהן, אז עס איז ניט נויטיג צו גרינדען א פערטען אינטערנאציאנאל, בעת עס עקזיסטירט שוין א שטארקער און רעוואלוציאנערער אינטערנאציאנאל.

נאך א דעלעגאציע

עס איז לעצטענס געווארען א מאדע צו שיקען דעלעגאציעס קיין סאוועט רוסלאנד און יעדע סאציאליסטישע פארטיי האלט עס פאר איהר פליכט צו טאן.

די נאציאנאלע עקזעקוטיוו־קאמיטע פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי האט אויך באשלאסען צו שיקען א דעלעגאציע, וועלכע וועט באשטעהן פון פאלגענדע פערזאנען: בערטא מעילי, מרס. וויקטאר ל. בערגער, דזש. א'נעיל און אטא בראנשטעטער.

וואס עס ווערט באצוועקט מיט דער דעלעגאציע איז שווער צו פארשטיין. די ביזהעריגע דעלעגאציעס פון די ענגלישע, דייטשע און איטאליענישע ארבייטער־פארטייען האבען, דאכט זיך, גאנץ קלאהר געשילדערט די לאגע אין רוסלאנד און די אמעריקאנער דעלעגאציע וועט גאנץ זיכער ניט אויפטאן קיין נייעס אין דער הינזיכט.

די נייע דעלעגאציע קען אויך ניט האבען פאר איהר צוועק צו בעראטען זיך אויף'ן פלאץ מיט די קאמוניסטישע פיהרער פון רוסלאנד וועגען אנשליסען זיך אן קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. דער דריטער אינטערנאציאנאל האט זיך גאנץ קאטעגאריש אפגעזאגט פון אויפנעמען די אמעריקאנער סאצ. פארטיי. טא וואס־זשע פאהרט מען? איז דער תירוץ, אז ס'איז א מאדע און דארט, וואו עס האנדעלט זיך וועגען א מאדע זאך איז דאך ניט שייך.

די א. פ. אוו ל. איז פארנומען מיט בילבערע זאכען

די ארבייטסלאזיגקייט אין אמעריקא וואקסט, און אלס רעזולטאט וואקסט אויך די חוצפה און דער אפעטיט פון די פאבריקאנטען. די טעקסטיל פאבריקאנטען האבען לעצטע וואך אויף א קאנפערענץ אין באסטאן באשלאסען צו רעדוצירען די שכירות פון זייערע ארבייטער מיט 22 און א האלב פראצענט. דער באשלוס ריהרט אן נאהענט צו 300,000 ארבייטער.

וועלען די ארבייטער אונטערווארפען זיך דעם באשלוס, וועלען זיי גאר אהן א קאמף לאזען די באלעבאטים דורכפירען זייער ווילען? וואו איז די גרויסע, די שטארקע, די מעכטיגע א. פ. אוו ל.?

א. פארדאן, גאר פארגעסען, די אמ. פ. אוו לייבאר איז פארנומען מיט בילבערע זאכען. מ'דארף באקעמפען סאוועט־רוסלאנד, די פראגרעסיווע יוניאנס פון אייראפא, העלפען צומאכען די טויערען פון אמעריקא פאר די אימיגראנטען — ס'איז דא אזויפיעל ארבייט, ווער קען עס איצט פאראינטערעסירען זיך מיט דריי הונדערט טויזענט ארבייטער, וועלכע מען שניידט ארונטער די שכירות!

הילף נויטיג פאר די פליכטלינגע אין ליטא.

פון איהר פארשטעהער אין ליטא האט די דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע באקומען פאלגענדע מעלדונג:

קאוונא, דעצ. 6.

פאר'ן חודש נאוועמבער האט ליטא באקומען 14,269 דאלאר. אויסער דעם איז אויסגעגעבען געווארען 600,000 מארק אויף די פליכטלינגע. אבער די לאגע פון די פליכטלינגע איז זעהר ערנסט און עס זענען נויטיג גרעסערע סומען, אז עס זאל זיי קענען געגעבען ווערען הילף.

איבערשטייגט
אלע אנדערע אין טעם און גרוד
"SALADA"
TEA
שיקט א פאסט קארטעל נאך א פרייעס סעמפעל, שרייבט דעם פרייז וואס איהר צאהלט איצט, און צו איהר געברויכט שווארצע, גרינע אדער געמישטע טהע. אדרעסירט סאלאדא טאראנטא.

די דעלעגאטען צו דער מזרחי קאנווענשאן

טאראנטאר דעלעגאטען
בית המדרש חברה תהילים:
ס. לעווינטער
מר. פאלאק
גדליהו לעווין.
שלמה ברעסלאוו
יהושע מילער.
פסח לעווין.
משה אוילבוים.
מ. קלייזוער.
מ. ד. קלייזוער.
דוד פינקעלשטיין.
ס. הערים.
מ. אלטער
גואל צדק שוהל, יוניווערסיטי עוועניו:
משה געלבער.
הרב נאהראן,
מ. חפץ
א. ברוידע.
נאדעלמאן.
ה. הערמאן.
ב. טעיט
חברת קהלת יעקב:
יוסף ראזמאן
אברהם מאלדאווער
יצחק ענגלענדער
צבי וויינטרויב
יצחק שטארקמאן
נפתלי אפעלבוים.
תלמוד תורה עץ חיים.
יוסף שידלאווסקי
יוסף קופער
משה קופער.
יצחק מאיר קאראלניק
קלמן שיף
נחום גרינבוים
אליהו אייזענבערג.
דוד יהודה זילבערבערג
משה ראזענצווייג
מיכל אפעל
אברהם יצחק פירשעווסקי.
אנשי ליבאוויטש:
מ. רובינאף
מענדעל שעפער.
ס. דזשעסעל
בית המדרש בית יעקב:
סענדער וויינטרויב
נחמיהו כ"ן
משה ברענזיל
שמואל ברענזיל
לייבוש ראטשטיין
קלמן גרינבוים
הירשער רויזען
ישעיהו גארפינקעל
יוסף צוקער.
תפארת ישראל אנשי אסטראוועצ:
יעקב בלום.
י. קעסטענבערג.
ד. קארענפעלד
ד. פארבער שו"ב.
שערי צדק שוהל:
ב. מיראניק
יוסף וואולף.
נ. פרידמאן
אברהם פעריל
סיימאן
משה פעריל
י. דווארעצקי
מאלדאווער.
סטאשיווער קאנג.
א. וויינשטאק
נחמיהו קעלערמאן
טאראנטאר מזרחי:
ס. וועבער
אלחנן דוב וויינגארטען
בן ציון נאטאנזאהן
גרשון געלבער
פ. ליוויי.
יוסף באכעניק
ב. מילער
בית הכנסת שומרי שבת:
הערצעל גרויזמאן
משה ברוידע.
מלך גרויזמאן
י. ברוידע
מ. שטיינווארצעל
אלישע בירנבוים.
בית הכנסת מחזיקי הדת:
רפאל קורץ.
אליקום בוכנער
חנינא פאסטערנאק.
צבי יהודה וויינגארטען
אייזיק שיפער.
כנסת ישראל דזשאנקשאן:
ישראל צבי קאהן
מאיר גרינבלאט
יעקב יאשפאף
בן־ציון קאלניצקי
שמואל סאלקין
ישראל סאקוועטער
אפרים קאפצאוו
ליפע פאדהארצער
משה ארסאקאוויץ
צבי זילבערשטיין
בעריש ארענשטיין
גרשון נאפטאלין
אנשי לידא:
יעקב אנדערסאן.
קאנג. בני ישראל שאה סטריט:
חיים ראזענבערג
דוד אנשעל בעיש
משה עלענבערג
פלטיאל ראזמינסקי
ה. סיגעל
אנשי ענגלאנד:
ד. גאלומב
רזשי. פיין
ל. אבראמאוויטש
יעקב הורוויץ
ר. גרינבערג
יעקב כהן
בני משה אנשי פוילען:
ישעיהו זעמעלמאן
סענדער טאטער
זוסמאן מאנדעל
שמואל אבא קאפלאן
בני ישראל המזרחים:
רומאק
מילקין.
דוד עפשטיין

מאנטרעאלער דעלעגאטען
הרב יודעל ראזענבערג
משה דוד סטערלינג
דוד בערלין.
מענדעל ראדאוויץ
ירמיהו קיוועגקא
יצחק מגיד
יששכר גוטמאן
יצחק גודמאן
דוד טענענבוים

וויניפעג.
יעקב וואלדמאן

האמילטאן.
נייטען שיפמאן
א. פארבערמאן
ס. הירשמאן
מנחם מענדעל כהן.
יאקובאוויטש.
הרב לעווין.
אליעזר לעווין.
אבא האלפערין
מרס. האלפערין.
מרדכי כהן.
ב. פאלאק,
שלום רויט.
רפאל אייזענבערג.
בנימין פעלדמאן
מרס. שוק.

אטאווא.
הרב בערנער
משה רודמאן
אהרן דרעזדין
ל. לייטסטאן.

לאנדאן אנט.
ל. לאסטער.

איטאליענער ווילען פארכאפען לאנד

רוים, דעצעמבער, 13.

צוויי הונדערט פויערים האבען געמאכט א פארזוך צו פארכאפען א שטיק ניט־באוואוינט לאנד און צוויי דערפער נעבען רוים. סאלדאטען האבען אנגעפאנגען א געשלעג און זיי פארטריבען. דריי מענשען זענען געטויטעט געווארען און א סך זענען אזוי שווער פארוואונדעט געווארען דאס זיי האלטען ביים שטארבען.

טרינקט 35 אייער און געווינט פופציג דאלאר

בראקוויל, דעצעמבער, 13.

שמואל טארמין, אן איינגעטימער פון אן אייז קרים פארלאר האט זיך פארוועט אז ער וועט אויסטרינקען 35 רויע אייער. ער האט דעם וועט געוואונען און האט "געמאכט" פופציג דאלאר. ער האט זיך אפילו ניט געקלאגט אויף בויך־ווייטאג.

ביי די אידען אין ווינדזאר

הילפס קאמפיין — הכנסת אורחים טוט גוטע ארבייט. — לשון קודש אידיש.

אבוואל אין ווינדזאר מיט די ארומיגע בלומדישע באזונדערע שטעדטלאך ווי אקערוויל, פארד, סאנדוויטש א. ז. וו. געפינט זיך א גאנץ קליינע אידישע קהלה, דאך זיינען די דארטיגע אידען טעטיג אויף יעדען געביט, און יעדע אונטערנעהמונג ווערט געקרוינט מיט ערפאלג.

צו דעם קען מען אויך צורעכענען דעם לעצטען קאמפיין וואס עס ווערט אנגעפיהרט אין ווינדזאר פאר די אוקראינער יתומים וואס דער קענעדער אידענטום האט זיך אונטערגענומען אהערצוברענגען און זיי צו שטיצען. איבער דריי טויזענד דאלאר איז שוין געזאמעלט געווארען. אויך איז געזאמעלט געווארען קליידונג פאר 50 קינדער אין עלטער פון 3 ביז 15 יאהר. דער קאמיטעט וועלכער באשטעהט פון י. קאווינסקי, סיימאן מאבעצקי, ס. באום, מאקס ראפאפארט, מרס. נעלי מאבעצקי און מרס. בינשטיין פארזיכערען אז זיי וועלען די סומע געוויס פארגרעסערען, ווייל דער קאמפיין איז נאך ניט צו ענדע.

די ווינדזאר אידען האבען אויך אין זינען געהאט די אימיגראציאן ארבייט וועלכעס איז די ברענענדע פראגע פון טאג, און זיי האבען געטאן א גרויסע זאך דערמיט וואס זיי האבען געגרינדעט א הכנסת אורחים, וואו יעדער אימיגראנט וועלכער האט דא ניט קיין פריינד באקומט די בעסטע באהאנדלונג און די גרעסטע אויפמערקזאמקייט, אז מען קריגט דא אהער אן עמיגראנט צאצקעט מען זיך מיט איהם און מען טוט פאר איהם אלעס מעגליכעס צו העלפען איהם אין זיין לאגע.

עס געפינען זיך א היבשע צאהל בעטלאך צום שלאפען און עס ווערט אויך געפיהרט א קיך צום עסען, אין א חוץ עסען און שלאפען ווערט אויך געטון פאר דעם אימיגראנט דאס נויטיגסטע וואס ער באדארף. מיט איין ווארט עס איז אהיים פאר דעם עמיגראנט וואו ער קען זיך פיהלען פריי און היימיש, און די לעצטע צוויי וואכען האבען טאקע איבערצייגט ווי וויכטיג און נויטווענדיג עס איז געווען אזא אינסטיטוציע, ווייל צעהנדליגע עמיגראנטען זיינען אן צופאהרען טאג טעגליך, און ניט נור די פיהרער פון הכנסת אורחים טוען פאר זיי דאס בעסטע און מעגליכסטע נאר יעדער איינער איד אין ווינדזאר טוט זיין בעסט פאר דעם ליידענדען וואנדערער.

דער הכנסת אורחים געפינט זיך אין דער "גרויסער שוהל" אויף'ן קארנער ברענט און מוירסער סט.

א גרויסע טעטיגקייט ווערט אויך אנגעפיהרט פאר דער תלמוד תורה, וואו עס געפינען זיך א היבשע צאהל קינדער מיט צוויי לעהרער. אבער ווען עס קומט צום לערנען איז עס זעהר ניט צאצקעדיג, ווייל ביידע לעהרער לערנען "לשון קודש" מיט די קינדער און דאס "לשון חול" — אידיש איז מאן דבר שמיה! ביקאס עס איז דאך ניט קיין שפראך, עס איז א "זשארגאן".

די קינדער אבער ליידען דערפון, ווייל זיי האבען נישט דעם מינדעסטען חשק צו לערנען העברעאיש און זיי האבען אויפגעגעבען די האפנונג צו קענען די שפראך פון אונזערע אבות, זיי וואלטען מיט גרויס צופרידענהייט געלערענט אידיש, ווייל זיי רעדען אידיש, און זאגאר די קינדער וועלכע רעדען ענגליש, קענען אויך אידיש רעדען ווייל זייערע עלטערען זיינען דאך נישט (מיט אן אויסנאהם נאטירליך) קיין ענגליש שפרעכענדע. האבען אבער די ווינדזארער אידען זיך איינגעקלאפט אין קאפ "לאשען קודש" עס וועט שוין קיין טאטער אויך העלפען. אויסלאזען פון דער "בו אין דער תלמוד תורה זענען זיך מיט "דאווגען, קדיש און קידוש".

פארד סיטי איז אויך געבענטש ווארען מיט א תלמוד תורה". דאס הי א ברענטש פון ווינדזאר תלמוד תורה הכל געפינען זיך אידען אין פארד אהן עין הרע אן ערך פון 14 — האבען זיי באקומען א רבין וועלכ פארשפראכען צו לערנען האט מען אים טאקע געשאפט א אין דער פאבליק־סקול און ער מיט די קינדער, דאווגען, קידוש קדיש!.

דערווייל תלמוד תורה'וועט מ מען לשון קודש'ט מיט קידוש און און די גרעסטע קרבנות זיינען געבא אומשולדיגע שילער, וועלכע וואלט מיט הורשט געלערענט אידישקייט דער שפראך וועלכע זיי פארשט און רעדען!

כינעזישען קעניג'ס פוטער מאנטעל געגאנבה'ט אין טאראנטא

טהאמאס סינקלעיר, פון 123 יו סטריט איז ארעסטירט געווארען אוי דער קלאגע פון האבען געגאנבה'ט א ווערטפולען פוטער מאנטעל וואס געמאכט פון רוסישען סייבעל און אמאל באלאנגט צום כינעזישען דער מאנטעל איז געגנבה'ט גע מיט א פאר וואכען צוריק בשעת האט איהם אפגעפיהרט פון דעם וואו מען האט איהם געהאלטען איבער זומער. דער מאנטעל האט די ווערט ביז דריי טויזענט דאלאר.

פראפ. חיים וויצמאן קומט צו אייך

איהר ווייסט שוין, אז פראפ. חיים וויצמאן, דער בארימטער ציוניסטישער פיהרער, וועמען מיר האבען צו פארדאנקען די לעצטע ערפאלגע פון ציוניזם, קומט קיין קענעדע צו דער ציוניסטישער קאנווענשאן.

פראפ. וויצמאן קומט צו אייך, קענעדער אידען. ער ברענגט אייך די בשורה פון גאולה און ער ערווארטעט אז איהר אלע וועט זיך שטעלען הינטער איהם, כדי צו העלפען באפרייען אונזער לאנד און פאלק פון גלות.

פראפ. וויצמאן ערווארט איין לוין פאר זיין אומערמידליכער פאלקס ארבייט און דאס איז: — צו זעהן אייך אין די ציוניסטישע רייהען.

זאל פראפ. וויצמאן נישט ענטוישט ווערען אין די קענעדער אידען. ער פון דאנען אוועקפיהרען א קיין אייראפא און ארץ ישראל, די קענעדער אידען טוען פליכט.

קענעדער ציוניסטישע
פעדעראציע, אינק.

BALTIC-AMERICAN LINE
Successors to Russian-American Line
א וויכטיגע ערקלערונג
עס טראגען זיך ארום קלאגען אז ווען אן עמיגראנט אין האט א שיפסקארטע וואס איז איהם געשיקט געווארען פון אמעריקא, ווערט ער ניט אזויגוט בעהאנדעלט ווי ווען ער האט געלד דארט צו קויפען א שיפסקארטע. מיר ווילען דארום פערזיכערען אלע וואס זיינען פאראינטערעסירט, אז אויף אזוי ווייט ווי עס בעטרעפט אונזערע ליין, ווערט אין קיינעם פון אונזערע אפיסעס, ווי אין דאנציג, ליבאו, קאוונא, לאדז, ריגא אדער ווארשא, ניט געמאכט דער מינדעסטער אונטערשיעד צווישען אן עמיגראנט וועלכער האט א שיפסקארטע פון אמעריקא, אדער אן עמיגראנט וואס האט געלד צו קויפען א שיפסקארטע.
אויב איהר ווילט אריבערברענגען אייער קרוב קענט איהר אלזא קויפען א שיפסקארטע ביי אירגענד וועלכען פון אונזערע אטאריזירטע אגענטען, וועלכער וועט אייך געבען אלע אויסקינפטע וועגען דאס פארלאזען פון שיפען און אזוי ווייטער.
דער פרייז דירעקט פון ווארשא ביז ניו יארק איז $135
ן אריינגערעכענט באהן קאסטען און אלע אנדערע עקספענסעס אויסער קאפ שטייער.
באלטיק־אמעריקא לאין
נאכפאלגער צו דער ראשען־אמעריקאן ליין
שיפען פארקעהר יעדע צוויי וואכען צווישען
ניו יארק, ליבאו און דאנציג, ליבאו און ניו יארק
E. Johnson & Co., General Passenger Agent
42 Broadway, New York City

HIPPOD

פון 13טען דעצעמבער.
גאם. וואלאס און דרו. דע
דאגלאס פאמיליע.
דאס פיטשור ביילד,
עס יהלעס אין
ער שטילער אפהאלט".
ר, 3 — פיקאלא, מירושעטס
און לייז. א קאמעדיע.

נייעס

לזאען ווסען דעם אידישען
אז מיר פארקויפען גוטע פרישע
שעכטע יעדען טאג
16 סענט א פונט
ווילבערשטיין 277 דאנ-
דעס סטריט וועסט

(13922—12—15)

עכטערס

ס איז אפען יעדען טאג.
פון 9 ביז 8.
ל עססייט, אינשורענס
ליימענס, סיטיזען פייפערס, נע-
שטומענטען און אויך גענעראל
ר אלע אידישע ציימונגען.
, ברענטפאָר, סענט קעטה-
ר, האגרעס און האמילטאן.
ען פאר'ן „זשורנאל" ווערען
ים דעם אפיס פרייז.
696 בארמאן סט. איסט, טע-
ליידל 127.
6 איסט אוו. נארטה. טעלע

James L. SHEKTE
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Lic

פארלאנגט

ארלאנגט פעדלער צו פארקויפען
עם „אידישען זשורנאל" יעדען
ייהמארגען. נאכצופרעגען א
גען טאג אין „זשורנאל" אפיס.

ראנקזאגונג

כרענטש 26 פון אידיש נאציאנאלע ארבייטער
פארבאנד דאנקט הערצליך מיס
ראזא העלפערין און דזשעני פליישמאן
פאר זייער אנטייל נעהמען אין פינסקי אווענט וואס דער פארבאנד האט
אראנזשירט לכבוד זיין לעגאליזירונג

האלט איהר, ביי ארויסנעהמען א פאליסי?

איידער איהר שרייבט אונטער אייער נאמען צו איין אינשורענס פאליסי
זעהט זיך מיט

שלמה האלפערי

דעפיוטי - סופערינטענדענט פון דער מעטראפאליטען לייף אינשורענס
קאמפאני. עס וועט זיך אייך באצאהלען

Office: 220 Yonge St. Res. 208 Ontario St.
Phone Adelaide 4788 Phone Main 7138

דזשועלרי הענדלער און דזשועלרי סטארקיפערס אויפמערקזאם
זייט וויסען, אז איך,

מ. העלער

האב זיך גענומען צו דער ארבייט. און בין וויליג צו מאכען אלערליי
דזשועלרי דזשאבס פאר דער טרייד.

רופט מיך אדער זעהט זיך מיט מיר. ווען איהר דארפט מאכען
אייערע דזשועלרי דזשאבס. און איהר וועט זיין צופריעדען.

אלערליי רינגען. קלענערע אדער גרעסערע. געמאכט צום סייז.

מיין נייער אדרעס איז

251 Queen St. West

טעלעפאן אדלייד 8967

קויפט אייערע פוילען פון

יאנעווער בראדערס

וואו איהר בעקומט בלויז ראושערס קויהלען מיט ראושערס פיקעס
268½ קווין סט. וועסט טעלעפאן עדעלייד 3766

שפארט אליין און זעהט אויך אז אייער קינד זאל שפארען

מיט איין דאלאר קענט איהר עפענען אן אקאונט און
אוועקלעגען דעם פונדאמענט פאר אייער צוקונפט

יעדער דעפאזיטאר באקומט אהיים א שעהנע סייף
אין וועלכער ער קען שפארען קלענערע סומען

געוואוינט צו אייער קינדער זאל זיין שפארזאם

ה. ווינבערג

BANKER

253 קווין סטריט וועסט

אין אפיס פון „אידישען זשורנאל"

גרייט זיך צום גרויסטען

פאלקס-מיטינג

פון דער פאראייניגטער ארגאניזאציע

אידישער מלחמה רעליף און אימיגראנטען געזעלשאפט

וועלכער וועט געהאלטען ווערען

זונטאג דעם 19-טען דעצעמבער

8 אזייגער אווענט אין

עלען'ס קאלעדזש סטר. טעאטער

קארנער קאלעדזש און ראווערקאורט ראוד

מעהרערע אייגצעלהייטען מארגען

זשורנאל האל

דער „זשורנאל האל" איז צו פארדינגען
פאר פארזאמלונגען, לעקציעס און
ענליכע אונטערנעהמונגען

דער „זשורנאל האל" האט פלאץ פאר 300 מענשען

וועגען אלע איינצעלהייטען אין „זשורנאל"
אפיס—251 קוויז סטריט וועסט

טאראנטא כשר ווארשט און פיש סמאוקינג מאנופעקטשורינג

מיר מאכען באקאנט אז איהר קענט ביי אונז באקומען צו יעדער צייט גע-
סמוקטע פישען, אויך מאכען מיר די בעסטע ווארשטען און פאסטרא-
מא. מיר קויפען נאר כשר'ע פליישען פון די אידישע קאלמיליע. די
שטרענגסטע כשרות לויט די אומשטענדען.

ארדערס ווערען פינקטליך דעליווערט. קאנטרי ארדערס דעליווערד פון א
דאלאר און העכער.

גיט אונז א טרייעל און איהר וועט דאן בלייבען אונזער שטענדי-
גער קאסטומער.

משה דייוויס

266 פארלאמענט סט. טעל. מיין 909

אויפמערקזאם!

צו אלע שטאדט און קאנטרי פעדלערס און דילערס אין דזשאנק

מיר קויפען אלערליי אין דזשאנק. מיר זיינען אנפאנגער דא אין שטאדט
און צאהלען די העכסטע פרייזען.
גוטע באהאנדלונג! קיין ווארטען!

קומט און איבערציגט אייך.

The United Mill Stock and Metal Co.
59 Frederick St. Toronto
איין בלאק פאר שערבארן סטריט.

2 סענט ביליגער אויפ'ן פונט 2 סענט

ביים באוואוסטען ווארשט מאנופעקטשורער

אליהו דאלגין

פון דער הארשאווער בשרה ווארשט פעקטארי.
די בעסטע און כשרסטע ווארשט גאראנטירט פון די בעסטע לייט. מיר
פארקויפען יעצט מיט צוויי סענט ביליגער אויפ'ן פונט צו אונזערע נייע
און אלטע קאסטימער. פרעגט דעם פרייז ביים טעלעפאן אדער ביי
לעטער

אונזער אדרעס 671 ריטשמאנד וועסט טעל. עדלייד 2658
ארדערס דעליווערט איבעראל

ווער געהט חתונה האבען?

מיר האבען א גרויסען אויסוואהל פון דרעס, טאקסידא און פראק סוטס.
צו פארדינגען צו די ביליגסטע פרייזען.

פרימאן בגדי-דעה 571 יאנג סטריט
טעלעפאן נארט 3270

הזשיי וו. בראהן און קא.

באריסטער, סאליסטער, נאטערי און א. ז. וו.
אפיס אין 710-711 טעמפעל בילדינג. טעלעפאן ערעלייד 3086.

פעקמאר און שולמאן

לאיערס

303 לעמסראן בילדונג. טאראנטא.
6 ערלייר סטריט איסט קארנער יאנג סטריט.
טעלעפאן מיין 4359.

לואיס ס. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק

קאמישאנער פאר אלע פראווינצען פון קענערע.
לאא אפיס 154 סימקא סטריט.
טעלעפאן ערלייר 1440 וואוינונג 453 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן עדלייד 1441 טעלעפאן קאלעדזש 4866.

דזשיי. דזשיי. גלעס

לאיער און נאטארי פאבליס
(פון דער פירמא עלדזשי און גלעס)
אפיס רום 34 אימפיריעל בענק בילדינג קארנער יאנג און קווין
טעלעפאן אדלייד 6089 רעזידענץ טעלעפאן פארק. 960

דר. א. ל. הימעלשטיין

דענטיסט

ראמיניאן באנק בילדינג קארנער מיקאל און דאנדעס סטריט. טעל. 6441.

דר. ה. דייווידסאן

דענטיסט.
אין דער נייער ראיעל בענק בילדינג
קארנער דאנדעס און טשעסטנאט טעלעפאן עדלייד 1789

דר. ב. ברעגמאן

דענטיסט
בעסטע ברידזש ארבייט פאר מעסיגע פרייזען.
544 קווין סטריט וועסט, איבער הופערס דראג סטאר, טאראנטא.
טעלעפאן קאלעדזש 9610.

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטיסערס

ארדערט קוילען יעצט און ווארט נים אויף דער לעצטער מינוט, ווייל
שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און דאצו וועט איהר נאך
נים קענען באקומען.

THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696

איטאן קאהל קא.

אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

50 דאלאר א טאג פאר קאנטרי פעדלערס

אויב איהר וועט פארקויפען אונזערע מענער און לידיעס פאר
קאוטס, אויך פאר סעטס לויט דעם רעדוצירטען פרייז פון אונזער
יעצטיגען אויספארקויף

27.50 פאר מענער און ליידיס קאוטס

ליידיס פאר טעטס פון 8 דאלאר און העכער

יונייטעד פאר קאמפאני

82 טשעסטנאט סטריט

טעלעפאן עדלייד 3583

דער זיכערער וועג צום ערפאלג?

Prof. Y. Michael Angelo

זיכער! דער בעסטער וועג צו האבען ערפאלג איז אנפאנגען לערנען ביי א גוטען לעהרער. באטראכט דאס נאר גאנץ גוט! און קומט צו פראפעסאר מייקעל אנזשעלא נאך מוזיק לעסאנס פאר אייך אדער אייערע קינדער. איהר וועט אויסגעפינען אז מר. אנזשעלא'ס סיסטעמע און ערפאהרונג אין לערנען וויאלין, מאנדאלין, קארנעט, סאקסאפאן, אדער אירגענד וועלכען אנדערען אינסטרומענט וועט אייך פיהרען צו א זיכערען ערפאלג. מיין מאטא איז: „א גוטער מוזיקאלישער אנפאנג" און דאס איבעריגע איז לייכט. באדינגונגען זעהר מעסיגע.

סטודיא 450 ספעדיינא עוו. טעלעפאן קאל. 17